NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08081

LABZIK

Chaver-Paver

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לאַבזיק

פֿון
כאַווער פּאַווער

(מייסעלעך
וועגן קלוגן
הינטעלע
לאַבזיק)

צייכענונגען פֿון
לואי בונין

פֿאַרלאַג
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
ניו יאָרק, 1935

איך שיינק אַוועק לאַבזיקן
צו איטשע גאָלדבערג.

Copyright by the
INTERNATIONAL WORKERS ORDER, INC.
80 Fifth Avenue
New York City
1935
209

דאָס קריזים הינטעלע

נעמט אַ פרוי פון בראָנזוויל איר הינטעלע און לייגט דאָס אַריין אין אַ קויש, קעדיי ס׳זאָל ניט קענען זען דעם וועג. אָבער לאַבזיק פרייט זיך, וואָס מען לייגט דאָס אין אַ קויש. ליגט דאָס דאָרטן מיטן בייכעלע אַרויף און וואַרפט מיט די פיסלעך און קוועלט אַז.

גייט אַרויף די פרוי אויף סאַטער עוועניו סטיישאַן, וואַרפט אַריין אַ ניקל און לויפט אַרויף אויבן. וואַרט שוין אַ באַן, וואָס לויפט מיט זיי גיך־גיך איבער אַלע דעכער פון די הייזער און דערנאָכדעם אונטער דער ערד, און נאָכאַמאָל אויבן איבער אַלע דעכער, און ווייטער אַמאָל אונטער דער ערד.

ווי אַזוי די באַן פאָרט רעדט דערווייל די פרוי צום הינטעלע, וואָס אין קויש.

— און לאַבזיק זיי ניט בייז אַף מיר, וואָס איך טו אַזוי. ס׳איז צוליב דעם קריזיס.

— האַוו, האַוו, — מאַכט לאַבזיק און וויל איר אַ לעק טאָן מיטן צינגל אַן איר שפּיץ נאָז.

לאָזט זיך ניט די פרוי אַ לעק טאָן אַן דער נאָז און רעדט ווייטער:

— און מיין ניט, לאַבזיק, אַז איך האָב דיך פיינט. איך האָב דיך ליב, נאָר ס׳איז ניטאָ דיר וואָס צו געבן צום עסן און דערפאַר טאַקע האָבן מיר אויך אַוועקגעשיקט אונזער קליינע טאָכטער עמאַן צו דער טאַנטע קיין באָסטאָן.

— האַוו, האַוו, — ענטפערט לאַבזיק און וויל אַ כאַפּ טאָן איר פינגער מיט די ציינדלעך.

לויפט די באַן איבער אַלע דעכער, לויפט די באַן אונטער דער ערד און אַזוי קומען זיי אַן אין די בראָנקס צו דזשעקסאָן עוועניו סטיישאַן. שטעלט זיך דאָרטן אָפּ די באַן אַף איין מינוט. הויבט זיך אויף די פרוי פון בראָנזוויל. גיט זי אַ כאַפּ לאַבזיקן פון קויש און שטעלט אים אַרוים אַף דער פּלאַטפאָרמע און אַליין בלייבט זי, די פרוי פון בראָנזוויל, אינעווייניק אין דער באַן. די טירן פאַרמאַכן זיך און דאָס הינטעלע לויפט נאָך און שרייט מיט אַלע קויכעס:

— האָוו, האָוו, לאָז מיך ניט איבער, לאָז מיך ניט איבער.

אָבער ס'איז שוין פֿאַרפֿאַלן. די באַן איז אַנטלאָפֿן מיט דער פֿרוי פֿון בראַנזוויל און דאָס הינטעלע איז איבערגעבליבן אַליין אין אַ פֿרעמדער שטאָט מיטן צעטעלע אָפֿן האַלדז.

איז פֿריער געווען אַזוי: לאַבזיק האָט געמיינט, אַז ס'איז אַ שפּאַס בלויז, און באַלד וועט מען דאָס קומען אָפּנעמען. האָט זיך דאָס אַנידערגעלייגט אין אַ ווינקעלע און געוואַרט.

וואַרט דאָס און וואַרט און דער טאָג פֿאַרגייט אַזוי און ס'קומט אָן די נאַכט. הייבט דאָס אָן צו וויינען אין דער שטיל.

—וואו, וואו, וואו.

לויפֿט אַלעמאָל אָן אַ באַן מיט אַרבעטער. עפֿענען זיך די טירן, לויפֿן זיי אײַנגיכן אַרויס און שפּרינגען אַראָפּ די טרעפּ. אָף לאַבזיקן קוקט זיך אָבער קיינער ניט אום.

הויבט דאָס שוין אָן צו וויינען אינדערהויך:

— וואַ־ו, וו־אַ־ו.

לויפֿט ווידער אָן אַ באַן, צעעפֿענען זיך די טירן מיטאַמאָל, לויפֿן אַרויס אַרבעטער און שפּרינגען אויך אַראָפּ די טרעפּ.

הייבט זיך שוין לאַבזיק אויף. שפּאַנט זיך איבער דער פּלאַטפֿאָרמע אַהין און צוריק מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן און וויינט:

— וו־אַ־ו.

דערווײַל הייבט אָן צו פֿאַלן אַ רעגן. ס'ווערט קאַלט. באַנען קומען צו לויפֿן, מענטשן גייען אַרויס, אָבער קיינער קוקט זיך ניט אום אָפֿן הינטעלע מיטן צעטעלע אָפֿן האַלדז.

טראַכט שוין לאַבזיק אַז ס'וועט נאָך שטאַרבן און אַז ס'וועט זײַן זייער שלעכט, אַז ס'וועט שטאַרבן, האָט דאָס שטאַרק ראַכמאָנעס אָף זיך אַליין און כניקעט ווי אַ קליין קינד:

— אי, אי, אי.

וועלן מיר דאָס איבערלאָזן אָף דער פּלאַטפֿאָרמע ווי ס'כניקעט אי, אי, אי, און מיר וועלן דערווײַל דערציילן פֿון בערל דעם אָפּרייטער.

בערל דער אָפּרייטער האָט גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס לאַכן שטענדיק. ער האָט אויך אַ ווײַב אַ בעריע, וואָס הייסט מאַלי, אַ קליין אײַנגל, וואָס הייסט מוליק און אַ קליין מיידעלע, וואָס הייסט ריפּקעלע. איז ער זיך געפֿאָרן אין באַן, געזעסן לעבן פֿענצטער און אַרויסגעקוקט אינדרויסן.

— אָך — מאַכט ער — ס'גייט אַ רעגן, אָבער אַ קאַפּאָרע דער רעגן. אַבי ס'וועט זיין אַ גוטע וועטשערע.

שטעלט זיך אָפּ דער לעקסינגטאָן עוועניו עקספּרעס לעבן דזשעקסאָן עוועניו, לויפט אַרויס בערל דער אַפּרייטער מיט די לאַבנדיקע אויגן און וויל זיך שוין לאָזן אַהיים, דערזעט ער אָבער באַלד דאָס הינטעלע מיטן צעטעלע אָפּן האַלדז, וואָס ציטערט פון קעלט און כניקעט ווי אַ קינד:

— אי, אי, אי.

בויגט ער זיך אָן צו דעם, לעקט דאָס בערלען די פינגער. געפעלט עס בערלען, וואָס מען לעקט אים די פינגער. לייענט ער איבער דאָס צעטעלע און ס'שטייט דאָרטן אָנגעשריבן אַזוי: ס'איז אַ קריזים. מיין מאַן אַרבעט ניט. און מיר האָבן עס ניט וואָס צו געבן עסן. גוטע מענטשן, וואָס האָבן נאָך אַרבעט, נעמט דאָס אַריין. ס'הייסט „לאַבזיק".

גיט בערל אַ טראַכט צו זיך:

— זאָל איך דאָס נעמען אַהיים, אָדער זאָל איך דאָס ניט נעמען. מען וועט דאָך דאָס דאַרפן געבן עסן און איך אַרבעט אַזוי ווינציק. אָבער אַ קאַפּאָרע די ווינציק אַרבעט. איך וועל דאָס נעמען אַהיים.

וויקלט ער דאָס איין אין דער „מאָרגן-פרייהייט" און לאַבזיק לאָזט זיך. סע ווייסט שוין, אַז עס האָט שוין אָנגעטראָפן אַ גוטן מענטשן.

דאָ דאַרף איך שוין ניט דערציילן די גרויסע פרייד פון ריפקעלען און מוליקן ווען זייער טאַטע בערל דער אַפּרייטער האָט אַריינגעבראַכט אין הויז דאָס קריזים-הינטעלע. זיי האָבן דאָס געגעבן וואַרעמע מילך. זיי האָבן דאָס אויסגעוואַשן. זיי האָבן דאָס אויסגעטריקנט מיט אַ האַנטעך און דערנאָכדעם דאָס געלייגט שלאָפן. ריפקעלע האָט געוויגט דאָס וויגעלע און אונטערגעזונגען:

— אַ, לאַבזיק, אַ, שלאָף הינטעלע פון קריזים, שלאָף. די פּיאָנערן וועלן שוין אָוועקטרייבן דעם קריזים. אַ, שלאָף, שלאָף.

האָט לאַבזיק טאַקע געפאָלגט און איז איינגעשלאָפן.

לאַבזיק און דער אינטערנאַציאָנאַל

לאַבזיק האָט איינמאָל זיך דערטראַכט, אַז ס'איז ניט גוט. וואָס איז ניט גוט? מען גיט אים עסן און טרינקען, אַ בעטל צום שלאָפן באַ בערל דעם אַפּרייטער, און ער טוט גאָרניט. דרייט זיך אַרום, ליידיק, פּוסט און פּאַס. ניין, מען דאַרף עפּעס טאָן, אַז ניט, קען מען נאָך אויס־טראַכטן אַז ער איז אַ פֿוילער.

קאָפּירט ריפּקעלע פֿון בוך פֿאַר דער פּאַבליק סקול, שפּרינגט דאָס אַרויף אַפֿן טיש און שטופּט אויך אַריין ס'קעפּל אין בוך. טרייבט דאָס ריפּקע אָפּ און זאָגט:

— אַוועק, דו הונט מיט אויערן.

לאָזט ער טאַקע אַראָפּ די אויערן און איז ברויגעז. דערווייל לערנט מוליק די געאָגראַפֿיע. ער דאַרף געדענקען נעמען פֿון די טייכן, וואָס זיינען דאָ אין אַמעריקע. גייט ער זיך מוליק איבערן שטוב מיט פֿאַר־מאַכטע אויגן און לערנט איין:

— מיסיסיפּי ריווער, מיסיסיפּי ריווער.

טראַכט לאַבזיק, אַז ער וועט אויך לערנען געאָגראַפֿיע, גייט דאָס נאָך מוליקן אַהין און צוריק איבערן שטוב און מאַכט:

— האַוו, האַוו, האַוו.

דאָס מיינט ער אויך מיטן האַוו האַוו: מיסיסיפּי ריווער, מיסיסיפּי ריווער.

ווערט מוליק אין קאַעס און גיט אים אַ בריקע מיטן פֿוס און זאָגט:

— זיי ניט קיין פּעסט, דו, לאַבזיק קאַפּאַבזיק.

איז שוין דאָ אויך ניט גוט. טראַכט ס'הינטעלע, אַז עפּשער וועט ער גאָר אינגאַנצן לייענען אַ ביסל די „מאָרגן־פֿרייהייט", ווייל ער זעט, ווי בערל ליגט אַפֿן בעט און קוקט אַריין אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט". שפּרינגט דאָס אַרויף אַפֿן בעט און שטופּט אַריין דעם קאָפּ אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט". טרייבט אים בערל אַראָפּ און זאָגט:

— זע נאָר, אַ קאַפּאָרע, אומעטום איז דאָס דאָ.

בלאָזט זיך אָן לאַבזיק און טראַכט, אַז ס'טויג ניט. ניין, ס'טויג ניט. דערווייל זעט ער, ווי מוליק קלייבט זיך גיין אין דער אידישער קינדער שול. טראַכט ס'הינטעלע:

— אַט דאָס איז אַ פּלאַן, מען דאַרף טאַקע אויך גיין אַהינצו, וועל איך אויך ווערן אַ לייט.

און ער גיט אַ לויף אַרויס אין גאַס, און גלייך נאָך מוליקן. טרייבט דאָס מוליק אַפּ און זאָגט:

— דו גיי אַהיים, ווייל די שול איז פאַר קינדער, ניט פאַר הינטלעך.

הערט אים לאַבזיק דאַפקע יאָ אויס, אָבער אַז מוליק לאָזט זיך שפּאַנען, שפּאַנט ער אים נאָך.

שטעלט זיך ווידער אָפּ מוליק, בויגט זיך אָן צו דער ערד, קלייבט אויף אַ שטיינדעלע און וואַרפט דאָס אַפן הינטעלע. דערשרעקט זיך לאַבזיק, דרייט זיך אוים און אַנטלויפט גיך, גיך.

— נו, פּאָטער געוואָרן פון דעם, טראַכט צו זיך אַליין דאָס אינגל און לאָזט זיך גיין ווייטער און ווייטער און אַזוי דערגייט ער ביז צו דער טיר פון דער אידישער קינדער שול. אָבער — ער גיט אַ קוק, טרעפט וועמען ער האָט דאָרטן דערזען? אַוואַדע לאַבזיקן. און ס'שאָקלט מיט די אויערן, קוקט מיט די קלוגע אייגעלעך און דרייט מיטן ווידעלע, און ס'פרייט זיך אַ געוואַלד.

ווייסט שוין ניט מוליק, וואָס צו טאָן, גייט ער אַריין אין שול און פאַרשליסט די טיר. גראַבלט לאַבזיק מיט די נעגל די טיר, קאַוואָטשעט הויך אַף אַ קאָל ביז מען מוז דאָס שוין אַריינלאָזן.

נו, זיצט דאָס מיט מוליקן אַף דער באַנק און הערט זיך צו, וואָס די לערערן לערנט. אָבער ס'פאַרשטייט קיין וואָרט ניט, וואָס מען לערנט דאָרטן. טראַכט דאָס צו זיך אַליין:

— ס'איז מיסטאָמע דערפאַר, וואָס איך בין דאָס ערשטע מאָל אין שול. דערפאַר פאַרשטיי איך ניט. איך וועל גיין לענגער, וועל איך זיך שוין אויסלערנען.

דערווייל גייט אָן דער קלאַס ווי אַלע מאָל, ביז ער ענדיקט זיך. און אַז ער ענדיקט זיך, גיט אַ מאַך די לערערן:

— קינדער, שטעלט זיך אויף, וועלן מיר זינגען דעם „אינטער-נאַציאָנאַל".

(שטענדיק, ווען די לערערן ענדיקט דעם קלאַס, שטעלן זיך די קינדער אויף און מען זינגט דעם „אינטערנאַציאָנאַל".)

האָבן זיך אַלע קינדער געגעבן אַ שטעל אויף מיטאַמאָל און אָנ-געהויבן צו זינגען. איז לאַבזיקן ווייזט אוים ניט געפעלן געוואָרן, וואָס אַלע מיטאַמאָל האָבן זיך געגעבן אַ שטעל אויף, איז ער אויפגע-

שפּרונגען פון פּלאַץ און אָנגעהויבן צו שרייען הויך אַף אַ קאָל:

— האָוו, האָוו, האָוו.

זיינען אַלע קינדער געוואָרן שרעקלעך אין קאַעס אַף דעם נאַרישן הינטעלע, וואָס האַווקעט ווען מען זינגט דעם „אינטערנאַציאָנאַל“, און דאָס אַרויסגעטריבן פון קלאַס.

זיצט דאָס אַרויסגעטריבענע הינטעלע אינדרויסן מיט אַן אַראָפּ־געלאָזט וויידעלע, שעמט זיך זייער, וואָס מען האָט דאָס אַרויסגעוואָרפן אינדרויסן. טראַכט דאָס צו זיך אַליין, אַז ס׳איז זייער ביטער צו לעבן אַף דער וועלט.

אַפן אַנדערן טאָג איז אָבער לאַבזיק געלאָפן ווידער אין דער קינדער שול. מוליק איז געווען אין קאַעס און געשריען:

— איי דו, הינטעלע נאַר, וועסט ווידער אָנמאַכן צאָרעס מיטן „אינטערנאַציאָנאַל“.

דרייט לאַבזיק מיטן וויידעלע, שאָקלט מיט די אויערן און שפּרינגט אים אין פּאָנעם אַריין, און וויל אים לעקן די באַק. נו, אַז ס׳מאַכט אַזוינע כּיינדלעך, דאַרף מען דאָך האָבן אַ האַרץ פון אַ גאַזלען, דאָס ניט אַריינגעמען אין קלאַס.

זיצט אַזוי דאָס הינטעלע אין קלאַס און קלערט, אַז איצטער ווען מען וועט זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“, וועט דאָס שוין זיין קליגער. די לערערן לערנט, די קינדער הערן. אַזוי גייט אַוועק די צייט און דער קלאַס ענדיקט זיך. גיבן זיך אַלע קינדער אַ שטעל אויף און מען הייבט אָן זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. אָבער לאַבזיק געדענקט, וואָס ס׳האָט געטראָפן דאָס ערשטע מאָל, שפּרינגט ער שוין ניט אויף פון פּלאַץ, ער בלייבט זיצן אַפן בענקל אַ שטילער, אַ לייטישער.

ווערן די קינדער שרעקלעך אין קאַעס אַף דעם נאַרישן הינטעלע, וואָס בלייבט גאָר זיצן אַף דער באַנק, ווען אַלע שטעלן זיך אויף, און מען וואַרפט דאָס אַרויס.

זיצט דאָס אַרויסגעוואָרפענע הינטעלע אינדרויסן מיט אַן אַראָפּ־געלאָזט וויידעלע און שעמט זיך ווידער. ס׳טראַכט, אַז ס׳איז זייער שלעכט צו לעבן אַף דער וועלט. יאָ, זייער שלעכט.

אַפן דריטן מאָל אָבער, איז דאָס ווידער ~~געוועזן~~ אין קלאַס. מוליק האָט זיך ווידער ניט געקענט העלפן און דאָס אַריינגענומען. ווייל אַז לאַבזיק הייבט אָן צו מאַכן זיינע כּיינדלעך מוז מען ווערן גלייך גוט צו דעם.

זיצט דאָס אין קלאַס מיט קלוגע אייגעלעך. ס'ווייסט שוין וואָס צו טאָן, ווען מען וועט זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל”. ס'וועט זיך אויך אויפשטעלן ווי אַלע אַנדערע.

האָט דאָס קוים זיך דערוואַרט, ביז די לערערן האָט געענדיקט דעם קלאַס. געענדיקט, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט. כאַפּט זיך לאַבזיק אויף, שפּרינגט אַרויף אַפן טיש. הייבט אויף די פעדערשטע פיסלעך אין דער הויך און בלייבט אַזוי שטיין בלויז מיט די הינטערשטע אַפן טיש, גלייך און אויסגעצויגן.

ווערט אַ גרויסע פרייד, ווען מען דערזעט, ווי לאַבזיק שטייט מיט די פאָדערשטע פיסלעך אין דער לופטן, און מען לאַכט: כאַ, כאַ, כאַ און כאַ, כאַ, כאַ.

פאַרשטייט נאָך אַלץ ניט לאַבזיק, וואָס מען לאַכט פון דעם, הייבט דאָס אויף העכער די פאָדערשטע פיסלעך, אַז אַלע זאָלן זען.

דער סאָף איז געווען, אַז מען האָט דאָס ווידער אַרויסגעטריבן:

אינדרויסן, ווייל צוליב דעם, וואָס די קינדער האָבן געהאַלטן אין איין לאַכן, האָט מען ניט געקענט זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“.

איז דאָס שוין געזעסן אינדרויסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזט ווײדעלע און געוויינט זייער ביטער:

— וואו, וואו, וואו.

לאַבזיק און דער פּאָליסמאַן

מוליק האָט איינמאָל געבראַכט פון דער אַרבעטער קינדער שול אַ בלעכן קעסטעלע און ס'איז אַף דעם געווען אָנגעשריבן מיט רויטע אויסיעס: „ראַטעוועט טעלמאַנען".

אַז מוליק איז אַריינגעקומען, איז לאַבזיק פאַרשטייט זיך אויפגעשפּרונגען און צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן, וואָס איז דאָס פאַר אַ קעסטעלע. לאַבזיק איז אַזאַ מין פאַרשוין, וואָס מוז יעדע זאַך אַרומלעקן און אַרומשמעקן. האָט ער דאָס אַרומגעלעקט, אַרומגעשמעקט און גאָרניט פאַרשטאַנען. אַ קעסטעלע ווי אַנדערע קעסטעלעך, איי די רויטע אויסיעס: „ראַטעוועט טעלמאַנען", קען ער דאָך ניט לייענען.

שפּעטער איז ריפקעלע אָנגעקומען פון דער גאַס, האָט איר מוליק געזאָגט וועגן דעם אַז מען דאַרף ראַטעווען טעלמאַנען. האָט ריפקעלע זיך אָנגעכאַפּט:

— טאַקע, טאַקע, מוליק, לאָמיר גיין היינט פאַרנאַכט ראַטעווען טעלמאַנען.

זעט אָבער ריפקעלע, ווי לאַבזיק קוקט אַף איר מיט זיינע קלוגע אייגעלעך, אַקוראַט ווי דאָס וואָלט אויך געוואָלט וויסן וואָס זי רעדט. נעמט זי זיך אים צו דערקלערן:

— טעלמאַן, לאַבזיק — שטרעקט זי צו אים אויס אַ פינגער פונקט ווי די לערערן טוט דאָס — טעלמאַן איז אַן אַרבעטער פירער אין דייטשלאַנד. פאַרשטייסט?

— האַוו, האַוו — ענטפערט דאָס און גיט זיך אַ דריי אַרום און אַרום און מאַכט אַ ביינדעלע.

— שטיי זשע איין — שרייט אַן ריפקעלע — יאָ, טעלמאַן איז אַ שיינער פירער און אַ וואוילער פירער פון די אַרבעטער. ער האָט די אַרבעטער אַזוי ליב און וויל עס זאָל זיין גוט. פאַרשטייסט?

— האַוו, האַוו — גיט דאָס אַ שפּרונג אין דער לופטן.

— שפּרינג זשע ניט אין דער לופטן, לאַבזיק — שרייט ווידער אַף אים אַן ריפקעלע — יאָ, האָבן די רייכע אין דייטשלאַנד טאַקע מוירע, אַז ער קען נאָך צונעמען בא זיי און אָוועקגעבן צו די אַרבעטער,

האָבן זיי אים אַריינגעוואָרפֿן אין טורמע. פֿאַרשטייסט וואָס הייסט אַ טורמע?

— האַוו, האַוו — גיט ער זיך אַ יאָג צום באַרדער אין צימער און פֿליט גלייך צוריק.

— פּלי זשע ניט אַרום, דו שלעכטער לאַבזיק, ווייל דו וועסט זיך קיינמאָל ניט אויסלערנען — זאָגט צו אים ריפקע — איז יאָ, האָט מען אים אַריינגעזעצט אין טורמע. זיצט ער דאָרטן אין דער טורמע און די רייכע שלאָגן אים יעדן טאָג. איצטער דאַרפֿן מיר אים אַרויס־ראַטעווען פֿון דאָרטן, פֿאַרשטייסט?

— האַוו, האַוו — גיט זיך לאַבזיק אַ וואָרף צו דער ערד און קייקלט זיך איבער.

פֿאַרנאַכט איז געווען רויט דער הימל אין די בראָנקס. די זון האָט זיך שוין געזעצט און דער לעקסינגטאָן עוועניו עקספּרעס און דער זיבעטער עוועניו עקספּרעס זיינען געלאָפֿן גיך און געבראַכט פֿון די שעפּער די אַרבעטער אַהיים עסן וועטשערע.

האָט מוליק גענומען דאָס קעסטעלע און ריפקעלע האָט אַ רוף געטאָן לאַבזיקן, זיינען זיי אַלע דריי אַוועקגעגאַנגען צו דזשעקסאָן עוועניו סטיישאָן ראַטעווען טעלמאַנען.

לויפֿט אָן אויבן אַן עקספּרעס מיט אַ גרויסן טומל. גיבן זיך אַלע טירן אַ צעעפֿן מיטאַמאָל, גיבן אַ לויף אַרויס אַ סאַך אַרבעטער. שפּרינגען זיי אַראָפּ די טרעפּ גלייך אָף דער גאַס אַרויס. שטייט שוין דאָרטן אונטן ריפקעלע מיטן קעסטעלע און מוליק רופֿט צו זיי: „ראַטעוועט טעלמאַנען, ראַטעוועט טעלמאַנען".

שטעלן זיך אָפּ אייניקע אַרבעטער און וואַרפֿן אַריין אין קעסטעלע ווער אַ פּעני, ווער אַ ניקל. פֿרייען זיך ריפקע און מוליק אַז מען וואַרפֿט אַריין ווער אַ פּעני און ווער אַ ניקל. פֿרייט זיך אויך לאַבזיק, וואָס זיי פֿרייען זיך, און ער שפּרינגט אין דער לופֿטן מיט די פֿאָדערשטע פֿיסלעך פֿאָרויס.

מאַכט זיך אָבער, אַז אַן עקספּרעס קומט אָן, לויפֿן אַרויס פֿיל מענטשן, אָסער קיינער שטעלט זיך ניט אָפּ און וואַרפֿט ניט אַריין ניט קיין פּעני און ניט קיין ניקל אין קעסטעלע. ווערן מוליק און ריפקעלע טרויעריק און לאַבזיק ווערט בייז. הייבט ער אָן נאָכצולויפֿן די מענטשן, רייסט זיי בא די הויזן און מאַכט:

האַוו, האַוו, ס'הייסט ווייזט אוים אָף זיין שפּראַך: פֿאַרוואָס

וואַרפסטו ניט אַריין קיין געלט צו ראַטעווען טעלמאַנען? האַוו, האַוו.

אַזוי איז אַוועק אַ שטיקל צייט. אייניקע האָבן יאָ געגעבן, אייניקע ניט, אָבער דאָס קעסטעלע איז שוין געווען האַלב פול. פּלוצלונג קומט אָן אַ גרויסער, אַ הויכער, אַ שטאַרקער פּאָליסמאַן מיט אַ קלאָב, גיט אַ כאַפּ ס׳קעסטעלע פון ריפּקעלעס האַנט און זאָגט:

— ביסט אַרעסטירט.

לויפט צו מוליק און שרייט:

— לאָז אָפּ מיין שוועסטערל, דאָס זאַמלען מיר געלט צו ראַטעווען טעלמאַנען.

מאַכט דער גרויסער, דער גראָבער, דער שטאַרקער פּאָליסמאַן:

— ביסט אויך אַרעסטירט.

לויפט גלייך צו לאַבזיק מיט די שאַרפע ציינדלעך, שפּרינגט דעם פּאָליסמאַן גלייך אין פּאָנעם און מאַכט: האַוו, האַוו. לאָז זיי אָפּ. לאָז זיי אָפּ און גיב אָפּ דאָס קעסטעלע.

גיט אים דער פּאָליסמאַן אַ כאַפּ אין די הענט און מאַכט: ביסט אויך אַרעסטירט.

גיט אים לאַבזיק אַ ביס אין די פינגער, מוז ער עפענען די האַנט. רייסט זיך לאַבזיק אַרויס און פאַלט צו צו זיין גראָבן שוך און בייסט. גיט דער פּאָליסמאַן אַ בריקע אין בויך, פאַלט אַוועק לאַבזיק וויט, וויט, מיט אַ גרויס געוואַלד. אָבער ער לויפט צוריק אָפן פּאָליסמאַן מיט זיינע שאַרפע ציינדלעך, שפּרינגט אין דער לופט, און וויל אים נאָר אַ ביס טאָן די האַנט, וואו ער האַלט דאָס קעסטעלע.

דערווייל איז אָנגעלאָפן פון אויבן אָן עקספּרעס און אַ סאַך אַר־בעטער זיינען אָנגעקומען. דערזעען זיי ווי אַ פּאָליסמאַן האַלט אין איין האַנט אַ קעסטעלע, מיט דער צווייטער האַלט ער צוויי קינדער בײַ די קאָלנערס און מיטן פוס קנאַקט ער אין בויך אַריין אַ הינטעלע, וואָס פאַלט אַלע מאָל צו דער ערד און הייבט זיך גלייך אויף און וואַרפט זיך אָפן פּאָליסמאַן. גייען די אַרבעטער צו און פרעגן:

— וואָס שלעפּסטו די קינדער בײַ די קאָלנערס?

מאַכט ער גראָב און בייז:

— ס׳איז ניט אייער געשעפט און טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען.

זאָגן זיי: „עס איז שוין יאָ אונדזער געשעפט, וואָס האָסטו צו די קליינע קינדער און וואָס בריקעסטו אין בויך אַריין דעם שיינעם הינטעלע?“

רופט זיך אָן מוליק: „ער שלעפּט אונדז אין טורמע, ווייל מיר זאַמלען געלט צו ראַטעווען טעלמאַנען, ווייל דער פּאָליסמאַן איז פאַר די רייכע.“

— טעלמאַן, — מאַכן די אַרבעטער, — אונזער כאַווער טעלמאַנען, איי דו פּאַסקודנער קאָפּ, איי דו אַזוינער און אַזוינער.

און אַלע אַרבעטער שפּרינגען אַרויף אַפן פּאָליסמאַן. וואַרפן אים אום צו דער ערד, רייסן פון אים אַרויס דאָס קעסטעלע. ווען דער פּאָליסמאַן איז שוין געלעגן צעלייגט אַף דער ערד, איז לאַבזיק צו־

געלאָפן צו אים און אים אַ בים געטאָן אין אויער. דאָס האָט ער זיך שוין אָפּגערעכנט פאַר שלאָגן אים אין בויך אַריין, און פאַר אַלצדינג.

האָבן די אַרבעטער זיך געכאַפּט צו די קעשענעס. ווער ס׳האָט אַרויסגענומען אַ פּעני, ווער אַ ניקל און ווער אַפילו אַ דיים. מען האָט אָנגעפילט דאָס קעסטעלע ביז אַרויף. האָבן ריפקע און מוליק געשאָקלט מיט די קעפּ און געהאַלטן אין איין זאָגן:

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, כאַווײרים. אַ דאַנק, אַ דאַנק.

לאַבזיק האָט אויך געזאָגט אַ דאַנק, אָבער אַף זיין שטייגער. ער האָט די אַרבעטער געלעקט די הענט און איז אויך געשפּרונגען אַף צו לעקן זיי די פּענימער, אָבער זיי האָבן אים ניט געלאָזט.

זיינען מוליק און ריפקעלע געגאַנגען אַהיים מיט אַ פול קעסטעלע, פריילעכע און לאַכנדיקע, און געזונגען:

— סאָלידאַריטי פאָרעווער, סאָלידאַריטי פאָרעווער.

לאַבזיק האָט ניט געקענט זינגען, האָט ער געטאַנצט. ווי אַזוי האָט ער דאָס געטאָן? געגעבן אַ שפּרונג אין דער לופטן און צוריק אַראָפּ אַף דער ערד. דערנאָכדעם אויסגעשטרעקט די פאָדערשטע פיסלעך און פאַרבויגן זיך מיטן קעפּל. דערנאָכדעם האָט ער זיך גע־דרייט גיך, גיך אין אַ ראָד, און אַלע אַף דער גאַס האָבן געלאַכט פון אים.

לאַבזיק און דער באָרדער

אין בערל דעם אַפּרייטערס הויז זיינען געווען דריי צימערן מיט אַ קיך און אַ באָד־צימער. אין איין צימער איז געשלאָפן בערל מיט זיין ווייב מאַלי, אין צווייטן צימער ריפקעלע מיט מוליקן און מיט לאַבזיקן, און דעם דריטן צימער האָט מען געדעכנט צו פאַרדינגען צו אַ באָרדער, קעדיי ס'זאָל זיין לייכטער צו צאָלן די רענט.

האָט בערל גענומען אַ ווייס שטיקל פּאַפּיר און אָנגעשריבן מיט גרויסע אויסיעס: „אַ צימער צו פאַרדינגען." האָט די מאַמע מאַלי אים געזאָגט ער זאָל אויך צושרייבן אונטן: „זייער אַ גוטער צימער." איז בערל געווען אין קאַעס, וואָס זיין ווייב מאַלי גיט אים אייצעס, אָבער דאָך האָט ער צוגעשריבן פון אונטן „זייער אַ גוטער צימער", און האָט דאָס אָנגעקלאַפּט אויף דער וואַנט באַם אַריינגאַנג פון הויז, קעדיי אַלע זאָלן זען, אַז ער האָט אַ צימער צו פאַרדינגען.

איז די מאַמע מאַלי געזעסן אין הויז און געוואַרט, אַז אימיצער זאָל קומען דינגען דאָס צימער, וואָס איז זייער אַ גוטס. לאַבזיק האָט, פאַרשטייט זיך, גיט געוואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ער האָט געזען, אַז די מאַמע מאַלי וואַרט אויף אימיצן, האָט ער אויך געוואַרט.

דערהערט זיך אַ קלונג אין דער טיר. כאַפּט זיך לאַבזיק אויף. אָבער ער האַווקעט ניט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצטער דאַרף מען ניט האַווקען. קומט אַריין אַ יונגערמאַן מיט גרויסע אויערן און אַ לאַנגער נאָז און רופט זיך אָנעט:

— איר האָט אַ צימער צו פאַרדינגען?

— יאָ — מאַכט די מאַמע מאַלי — זייער אַ גוט צימער.

פירט זי אים אין דעם צימער און ווייזט אים, וואָס פאַר אַ שיין בעט עס שטייט דאָרטן. וואָס פאַר אַ ריינער ווייסער ליילעך און קישן, און וואָס פאַר אַ וואַרעמע קאָלדרע.

געפעלט דעם יונגנמאַן דאָס צימער און ער זאָגט, אַז ער הייסט וועלוול, און אַז ער איז אַ שוסטער, און אַזוי איז ער אַ פיינער מענטש, אָבער ער האָט איין טעווע אַ שלעכטע, ער שלאָפט אַזוי שטאַרק, אַז קיין וועק־זייגער העלפט אויך ניט.

צעלאַכט זיך די מאַמע מאַלי און זאָגט, אַז אויב ער האָט נאָר די

איינציקע שלעכטע טעווע, וואָס ער שלאָפט שפּעט, איז צו דערליידן, און זי וועט אים דערפאַר אויפוועקן אַלע אינדערפרי.

צעלאַכט זיך אויך וועלוול דער שוסטער, וואָס מען דענקט, אַז ס'איז ניט קיין שלעכטע טעווע. אָבער, זאָגט ער, מען זאָל אים אויפוועקן פּונקט 6 אַזייגער פאַרטאָג, אַז ניט וועט ער פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט.

זאָגט אים די מאַמע מאַלי, אַז ער זאָל זיך גאָרניט ניט זאָרגן און זאָל ער נאָר באַצאָלן 6 דאָלאַר פאַר אַ האַלבן כוידעש, וועט שוין זיין גוט.

מאַכט ער:

— אָ, 6 דאָלאַר, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. און ער באַצאָלט 6 דאָלאַר, לויפט אַוועק און ברייננגט זיין רענצעלע מיט די זאַכן.

פאַרשטייט זיך, אַז לאַבזיק איז שוין ניט אָפּגעטראָטן די גאַנצע צייט, ווען דער וועלוול האָט צעלייגט זיינע זאַכן. לאַבזיק האָט געזען, ווי ער האָט אַ סאַך זאָקן און שניפּסן, און אויבערהעמדער, און אַ שיין בילד פון אַ מיידל, וואָס ער האָט אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט, און אַז ער רויכערט סיגאַרעטן, און נאָך, און נאָך האָט ער זיך דערוואוסט וועגן אים.

אַפּדערנאַכט איז בערל געקומען פון דער אַרבעט. האָט מען וועלוולען אַריינגערופן אין קיך אַף אַ גלעזל טיי. האָט אים בערל געגעבן די האַנט און געזאָגט, אַז ער הייסט בערל. האָט אים וועלוול אויך געגעבן די האַנט און געזאָגט, אַז ער הייסט וועלוול. און לאַבזיק נעמט ניט אַראָפּ קיין אויג פון אים. זעט ער, ווי מען דערלאַנגט אים אַ גלאָז טיי. טראַכט לאַבזיק, אַז אויב מען דערלאַנגט אים אַ גלאָז טיי, ווייסט מען וואָס מען טוט. אָבער אַז דער וועלוול שטרעקט אויס די האַנט און וויל נעמען אַ שטיקל צוקער, זעט איר, אָט דאָס פאַרדריסט שוין לאַבזיקן און ער גיט אַ שפּרונג און טוט אַ רים וועלוולען באַ דער האַנט. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אים גוט אָנגעשלאָגן דערפאַר.

נו, שפּעטער האָט מען זיך געלייגט שלאָפן. אָבער לאַבזיק קען ניט איינשלאָפן. אַז אַ פרעמדער מענטש איז דאָ אין הויז, טאָר ער ניט פאַרמאַכן קיין אויג. גייט אַזוי אַוועק איין שאָ, צוויי שאָ און ער דערהערט, ווי וועלוול כראָפּעט. כראָפּעט אָבער בערל דער אָפּרייטער אויך. אָבער וועלוולס כראָפּען איז גאָר אַנדערש. בערל אַז

ער כראַפּעט מאַכט ער כי, כי, כי. וועלוול האָט געמאַכט פּס, פּס, און געענדיקט מיט אַ טיו־ו־ו.

האָט לאַבזיק געמאַכט אַ גרויס געוואַלד, אויפגעוועקט יעדן איינעם, האָט מען אים גוט אָנגעשאָלטן און מען איז צוריק איינגעשלאָפן.

טראַכט שוין לאַבזיק צו זיך אַליין, אַז ווייזט אויס, אַז ער איז אַ גוטער שלימאַזל און צו קיין זאַך טויג ער ניט. און ער וועט שוין בעסער אַוועקפאָרן קיין פילאַדעלפיע.

אַזוי גייט אַוועק די נאַכט אין זיינע טראַכטענישן. ביז ס׳ווערט פאַרטאָג און דער וועק־זייגער הייבט אָן צו קוויטשען. כאַפּט זיך אויף די מאַמע מאַלי, זיפצט זי און קרעכצט, ווייל ס׳איז קאַלט און זי איז ערשט אויפגעשטאַנען פון אַ וואַרעם בעט. קלאַפּט זי אין טיר. עס העלפט ניט, וועלוול כראַפּעט נאָך אַלץ מיט זיין פּס, פּס און טיו־וו־ו־ו. גייט זי אַריין אין צימער און לאַבזיק נאָך איר. נעמט זי אים אָן באַ דער האַנט און שלעפּט אים. ערשט דעמאָלט כאַפּט ער זיך אויף.

האָט לאַבזיק געדענקט אַלצדינג און געטראַכט, אַז מאָרגן וועט ער דאָס שוין אַליין טאָן, און לאָז די מאַמע מאַלי נאָך אַ ביסל ליגן אין איר וואַרעם בעט און האַנאַע האָבן.

אַף מאָרגן האָט ער טאַקע אַזוי געטאָן, אַ שטופּ געטאָן מיטן קעפּל די טיר און זי האָט זיך אויפגעעפנט. דערנאָכדעם אַ ריס געטאָן מיט די ציינדלעך באַ זיין האַנט און — פאַרטיק. וועלוול האָט זיך אויפגעכאַפּט, פריער ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער דערנאָכדעם זיך געכאַפּט און געזאָגט זייער איידל:

— אַ דאַנק.

איז דאָס הינטעלע געווען אַזוי פריילעך פון דעם דאַנק, אַז ער האָט גאָרניט געוואוסט וואָס צו טאָן און ער האָט שוין ניט געטראַכט זיינע טרויעריקע געדאַנקען, אַז ער איז אַ שלימאַזל און אַזוי ווייטער. ער האָט איצט געטראַכט, אַז אָ, ווי גוט עס איז צו לעבן אַף דער וועלט און עפּעס אויפטאָן.

אַזוי האָט ער אַלע אינדערפרי געטאָן דיזעלביקע זאַך און אַלע זיינען געווען צופרידן.

נאָר איינמאָל אַ פאַרטאָג האָט דער זייגער ניט געקלונגען, פאַרוואָס ווייסט ניט לאַבזיק, אָבער ער כאַפּט זיך אויף אַ פריילעכער און גייט טאָן זיין גוטע אַרבעט. ער טוט אַ שטופּ מיטן קעפּל די טיר,

טוט אַ כאַפּ דעם באָרדער באַ דער האַנט מיט די ציינדלעך, און דער־וואַרט אַוואַדע, אַז וועלוול וועט אים ווידער זאָגן אַ דאַנק. אָבער וויי וויי, ווי יענער האָט זיך דאָס צעשריען, און ניט בלויז געשריען נאָר אויך געכאַפּט אַ שוך און געוואָרפן לאַבזיקן אין קאָפּ אַריין. פאַר־שטייט זיך, אַז דער שוך האָט ניט געטראָפן, ווייל לאַבזיק איז אַנטלאָפן. אָבער וועלוול איז אים נאָכגעלאָפן אין די פּאַדושאַמעס, אים נאָכגעלאָפן און געשריען:

— דו גאַזלען, דו באַנדיט איינער, וועסט מיך אויפוועקן פון אַזאַ טייערן שלאָף. איך וועל דיך טויטן.

האָבן אַלע זיך אויפגעכאַפּט און יעדער איינער האָט געזידלט לאַבזיקן, וויפיל אין אים איז נאָר אַריין. האָט ער זיך פאַרוקט אין אַ ווינקעלע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן און ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אַלע טאָג זאָגט מען אים אַ דאַנק דערפאַר און איצטער אַזוינע קוילעס און געוואַלדן.

שפּעטער האָט אים ריפקעלע געזאָגט:

— אוי, דו נאַריש הינטעלע, וואָס וועט פון דיר אויסוואַקסן? ווייסט ניט, אַז ס'איז היינט זונטיק און היינט שלאָפט מען אַ ביסל שפּעטער? דו פאַרשטייסט, מען אַרבעט זיך אָן אַ גאַנצע וואָך, וויל מען זיך זונטיק אַ ביסל לענגער אויסשלאָפן.

שאָקלט לאַבזיק מיט די אויערלעך, אַ ברייערע האָט ער. ער האָט

גאָרניט פאַרשטאַנען, און אַז ער איז איבערגעבליבן מיט זיך אַליין האָט ער געטראַכט:

— אָדער איך בין מעשוגע, אָדער די מענטשן זיינען מעשוגע. אַמאָל וועקט מען זיי איז גוט, זאָגן זיי דיר נאָך אַ דאַנק, און אַן אַנדערש מאָל, ווילן זיי דיך איינשלינגען. אַ שלעכטע וועלט, אַ שלעכטע, מען דאַרף גאָר אינגאַנצן אַוועק פון די מענטשן און אַנטלויפן קיין פילאַדעלפיע.

לאַבזיק און דער נעגער-אינגל

לאַבזיק פאַרמאַכט איין אויגל. אַזאַ טעווע האָט ער. ווען ער פאַרשטייט עפּעס ניט, פאַרמאַכט ער איין אויגל.

וואָס זשע אַזוינס פאַרשטייט ער ניט? ס׳איז אַריינגעקומען אַ אינגל אין הויז אַריין, מוליקס אַ כאַוועה. איז דאָך גוט, האַ? נייַן אָבער, פאַר לאַבזיקן איז דאָס ניט גוט, ווייל דעם אינגלס פּאָנעם איז אַנדערש פון אַלע אינגלעך אַף דזשעקסאָן עוועניו.

ווען דער אינגל מיטן אַנדערשדיקן פּאָנעם איז אַריין אין הויז, ווייסט ניט לאַבזיק, ווייל ער האָט געדאַרפט זיין אינדרויסן און האַווקען אַף דער קאַץ פון צווייטן הויז. גוט אויסגעהאַווקעט זיך, גייט ער אַריין אין שטוב, גיט אַ קוק, ס׳איז אים ניט גוט.

דער אינגל האָט געהאַט געקרייזלטע האָר. דאָס איז גוט. אַ סאַך אינגלעך האָבן געקרייזלטע האָר. די נאָז בא דעם אינגל איז אַ קורצע און אַ פאַריסענע. דאָס אַרט אים אויך ניט. ער, לאַבזיק, איז ניט קיין איבערקלייבער, ווען עס קומט צו נעז. דער אינגל האָט געהאַט קליינע אויערלעך. מאַכט אויך ניט אויס. אָבער וואָס עס האָט אים יאָ אויסגעמאַכט, איז וואָס דעם אינגלס פּאָנעם איז געווען שוואַרץ. אַזאַ זאַך האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען און ס׳האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. פאַרוואָס האָט אים געדאַרפט אַזוי שטאַרק פאַרדריסן, ווייסן מיר ניט. אָבער אַ הונט בלייבט אַ הונט.

שווייגט לאַבזיק, און אַז לאַבזיק שווייגט איז אַ שלעכטער סימן. אַזאַ טעווע האָט ער שוין. אַז ער דאַרף עמיצן אַ בים טאָן, מאַכט ער זיך פריער אַ שוויג.

נויעך האָט געהייסן דער שוואַרצער אינגל און האָט אויך געוואוינט אַף דזשעקסאָן עוועניו, און געלערנט אין דערזועלביקער פּאַבליק סקול, וואו מוליק האָט געלערנט.

זיצן אַזוי ביידע כאַווירים און שמועסן. מוליק דערציילט עפּעס אַ זאַך און נויעך לאַכט: האַ, האַ, האַ, הי. דערנאָכדעם דערציילט נויעך אַ זאַך און מוליק לאַכט: כאַ, כאַ, כאַ.

און לאַבזיק גאַנוועט זיך אַזוי שטילערהייט, טריט באַ טריט, און מיטאַמאָל — ציאַפּ. אַ כאַפּ געטאָן נויעכן באַם פּוס.

צעשרייט זיך נויעך פון ווייטיק. ווערט מוליק דערשראָקן און הייבט אָן צו רופן:

— מאַמע, מאַמע.

לויפט אַריין די מאַמע מאַלי. דערזעט, וואָס עס איז געשען. פאַרלירט זי זיך ניט, כאַפּט טייקעף אַ ריינעם האַנטעך, נעצט אים איין אין וואַסער און פאַרבאַנדאַזשירט נויעכן דעם פוס.

לאַבזיק האָט שוין גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אָנגעמאַכט אַ צאָרע, איז ער אַרונטער אונטערן בעט און זיך פאַרבאַהאַלטן.

נויעכן האָט ווי געטאָן, האָט ער אַ ביסעלע געוויינט. מוליק האָט געכאַפּט אַ שטעקן, אַרויסגעשלעפּט לאַבזיקן און אים געגעבן צען שטעקנס. לאַבזיק האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳קומט אים, האָט ער געמאַכט ווידער אַ שוויַיג און זיך געלאָזט אָנשלאָגן.

נויעך איז אַהיימגעגאַנגען און מען וואָלט שוין די זאַך געוועזן פאַרגעסן. אָבער היימי דער געלער האָט באַגעגנט נויעכן און זיך דערוואוסט וועגן דער גאַנצער זאַך. קומט ער צו לויפן צו מוליקן און גיט אַ מאַך:

— מוליק, דיין לאַבזיק איז אַ ווייסער שאָוויניסט.

— אַ ווייסער וואָס? — וואונדערט זיך מוליק און קען גאָרניט פאַרשטיין דאָס וואָרט.

— אַ ווייסער שאָוויניסט, — רופט זיך אָן נאָכאַמאָל היימי.

— וואָס הייסט אַ שאָוויניסט? — פאַלט מוליק אַראָפּ באַ זיך, וואָס ער פאַרשטייט ניט דאָס וואָרט.

— אַ שאָוויניסט — גיט דער געלער היימי צו דערקלערן — איז אַזאַ איינער, וואָס מיינט, אַז נאָר ער איז אַ קנאַקער און די איבעריקע גאָרניט. און אַ ווייסער שאָוויניסט מיינט, אַז נאָר די ווייסע זיינען די בעסטע מענטשן און די שוואַרצע טויגן שוין גאָרניט.

— אַזוי גאָר? — ווערט שוין מוליק שטאַרק בייז. — היי, דו, לאַבזיק, ווייסער שאָוויניסט פאַסקודנער, איך וועל דיר שוין וויַיזן.

היימי לויפט דערוויַיל צו צום אָפענעם פענצטער און שרייט אַראָפּ צו דער גאַס:

— היי, לייבל, ווילי, אַרקע, דייווי, עסטער, סילווי, פערל, מערל, זיסל, יאָסל, נויעך.

ווערט טייקעף אַנגעפּילט בערל דעם אַפּרייטערס הויז מיט לייבלען, ווילין, אַרקען, דייווין, נויעכן, פּערל, מערל און נאָך און נאָך קינדער פון דזשעקסאָן עווענין. ס׳זיינען בלויז געווען דריי בענקלעך, האָבן די איבעריקע זיך געמוזט זעצן אַפן דיל. זיצן אַזוי אַלע קינדער און לאַבזיק איז נאָך אַלץ אונטערן בעט. ער איז אַזוי דערשראָקן, אַז ער ציטערט אַזש מיט די אויערן.

האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן. האָט מען אים געהייסן שטיין אינמיטן שטוב אַנטקעגן נויעכן מיטן פאַרבאַנדאַזשירטן פוס. האָט לאַבזיק געקוקט אַף נויעכן און געפינטלט מיט ביידע אייגעלעך. האָט היימי דערציילט פאַר די קינדער, וואָס עס איז געשען. זיינען די קינדער געווען שטאַרק אויפגעקאָכט. האָט היימי געפרעגט, וואָס דאַרף מען טאָן לאַבזיקן פאַר אַזאַ זאַך? האָט מען גערעדט און גערעדט און באַשלאָסן. . . . וואָס מען האָט באַשלאָסן ווייסט ניט לאַבזיק. נאָר אַלע קינדער זיינען מיטאַמאָל אַוועק, און ס׳איז געוואָרן אַזוי שטיל אין הויז.

שטייט לאַבזיק און ווייסט ניט וואָס צו טאָן. זעט ער ווי מוליק זעצט זיך לייענען אַ בוך. וויל ער אים איבערבעטן, לויפט ער צו צו אים און וויל אים אַ לעק טאָן. דרייט מוליק אַוועק דעם קאָפּ פון אים. לויפט לאַבזיק צו דער מאַמע מאַלין, און וויל איר אַ לעק טאָן, דרייט אויך אַוועק די מאַמע מאַלי איר קאָפּ פון אים.

לויפט ער שוין צו צו ריפקעלען, דרייט זיך אַוועק פון אים אויך ריפקעלע. גייט ער שוין צום טאַטן בערלען, קערט זיך אויך בערל אָפּ פון אים.

ווערט שוין לאַבזיק שטאַרק דערשראָקן, און לויפט אַרויס אַף דער גאַס. זעט ער אַרקען זיך שפּילן מיט סילוויען, דרייען זיי אויך אַוועק די קעפּ פון הינטעלע, דעם ווייסן שאָווינסט. וויל ער צולויפן צו בענין און צו דייווין, קערן זיי זיך אויך אָפּ פון אים.

אָט דאָס טאַקע איז געווען די שטראָף פאַר אים. די קינדער האָבן אָפּגעמאַכט, אַז אַ גאַנצע וואָך טאָר קיינער ניט אויסרעדן קיין וואָרט צו לאַבזיקן.

מאָלט אייך, וואָס לאַבזיק האָט געפילט אין דער וואָך איז גאָרניט צו באַשרייבן. ס׳איז אים געווען אַזוי שלעכט און ביטער, אַז ער האָט זיך אַזש געוואָלט וואַרפן אין טייך אַריין. אָבער ווי גרויס איז געווען זיין פרייד, ווען די וואָך פון זיין שטראָף האָט זיך געענדיקט.

אַבער מערער וועט ער שוין ניט בייסן קיין שוואַרצע אינגלעך, וואָס טוען אים גאָרניט. אָ ניין, גיט אים אַפילע אַ גאַנצע שטוב מיט לעמטשאַפּס, וועט ער שוין דאָס ניט טאָן.

לאַבזיק און די פּיאָנערן

(ערשט מייסעלע)

אין אָוונט האָט געדאַרפט פאַרקומען אַ מיטינג פון די פּיאָנערן באַ בערלען אין הויז. דער מיטינג האָט באַדאַרפט זיין אַזאַ סאָד, אַז מען האָט פאַרמאַכט אַלע פענצטער, מען האָט פאַרשלאָסן אַלע טירן. ניט דער טאַטע בערל, ניט די מאַמע מאַלי האָבן געטאָרט אַריינגיין אין צימער. און ניט דאָס שוועסטערל ריפקעלע און אויך ניט לאַבזיק מיט די ווייסע אויערן. אַלע האָבן געמוזט זיצן אין קיך.

די דריי פּיאָנערן זיינען געווען: מוליק, היימי און נויעך. אויב איר מיינט, אַז נויעך איז דער נאָמען פון אַ אידיש אינגל, מאַכט איר שוין גראָדע אַ גרויסן טאָעס. נויעך איז דער נאָמען פון אַ נעגערישן אינגל, וואָס האָט געוואוינט אָף דער 165סטער גאַס מיט זיין מאַמען אין אַ קעלער.

דידאָזיקע דריי פּיאָנערן האָבן אַזוי היים גערעדט און געשוויצט מיט די שטערנס, אַז זיי האָבן געמוזט אַראָפּנעמען די רעקלעך פון זיך. וואָס אַזוינס האָבן זיי גערעדט, האָט מען ניט געוואוסט. מען האָט נאָר געהערט איינצלנע ווערטער: הונגעריקע קינדער אין פּאָבליק סקול". „מען דאַרף מאַנען עסן". „די רייכע וואַרפן דאָס ברויט אין טייך אַריין, פאַרוואָס ניט געבן צו די הונגעריקע קינדער?" — בלויז דאָס האָט מען געקאָנט הערן. מען האָט אויך געהערט, ווי אימיצער האָט געקלאַפּט אין טיש אַריין און האָט געשריען: — ניין, ס'איז ניט פּיאָנעריש, איך וועל דאָס ניט דערלאָזן.

לאַבזיקן איז זייער ניט געפעלן געוואָרן, וואָס זיי האָבן זיך דאָרטן פאַרשלאָסן און אים לאָזט מען ניט אַריין. ער האָט אַ פּאָר מאָל גע־פּרוואוט אַ שטופּ טאָן די טיר מיטן קעפּל, אָבער די טיר איז געווען פאַרשפּאַרט. האָט ער שוין קיין אַנדער ברייערע ניט געהאַט, זיך גוט אויסגעהאַוועקעט און זיך אַנידערגעלייגט אין קיך לעבן ריפקעלעס פיס.

ס'איז אַוועקגעגאַנגען איין שאָ, אַוועקגעגאַנגען צוויי שאָ — און די פּיאָנערן שוויצן נאָך אַלץ דאָרטן און מען רעדט. פּלוצלונג עפנט זיך די טיר און מוליק גיט אַ רוף:

— לאַבזיק!

איז פאַרשטייט זיך לאַבזיק טייקעף אויפגעשפּרונגען מיט גרויס געדולע און איז אַריין אין צווייטן צימער. דאָס הינטעלע איז געווען זייער שטאָלץ, וואָס מען האָט אים אַריינגערופן צום מיטינג. קיינעם ניט, אָבער אים — יאָ. האָט ער געדרייט מיטן ווידעלע, געשאָקלט מיט די אויערלעך און געמאַכט פאַרשיידענע כיינדלעך.

שטייט ער אינמיטן צימער און וואַרט. ער וויל שוין וויסן, צו וואָס מען האָט אים גערופן. זאָגן זיי גאָרניט, קוקן אויף אים אַלע דריי און שווייגן. ביז היימי רופט זיך אָנעט:

— איך זאָג אייך, אַז עס וועט ניט גיין.

רופט זיך אָן נויעך:

— עס וועט שוין יאָ גיין!

מאַכט היימי:

— אָבער אַז דאָס הינטעלע איז שטום, וואָס ווייסט דאָס?

ענטפערט נויעך:

— איז טאַקע גוט, וואָס ס'איז שטום, וועט דאָס קיינעם ניט דערציילן.

זאָגט היימי:

— אָבער ווי אַזוי וועט דאָס פאַרשטיין?

רופט זיך אָן מוליק:

— ס'וועט שוין גוט פאַרשטיין. לאַבזיק, קום אַהער.

נעמט לאַבזיק און גייט צו. מאַכט ווידער מוליק:

— גיי אַוועק.

נעמט לאַבזיק און גייט אַוועק.

— קום צוריק.

ס'קומט צוריק.

האָט דעם הינטעלע שוין אַ ביסל פאַרדראָסן, וואָס מען שיקט אים אַלעמאָל אַוועק, ער האָט געמיינט, אַז דאָס שפּאַסט מען פון אים, אָבער ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז ס'איז דאָ עפּעס אַנדערש.

אויפן ערשטן אָוונט האָבן אים די פּיאָנערן געלערנט בלויז גרינגע זאַכן, קומען און אַוועקגיין. אָבער אויפן צווייטן טאָג, האָט שוין לאַבזיק נעבעך געשוויצט. אַלץ אַזוינע שווערע זאַכן האָבן זיי אים געהייסן טאָן, און ס'האָט גענומען לאַנג ביז ער האָט דאָס געכאַפּט.

אויפן דריטן אָוונט זיינען די פּיאָנערן ווידער געקומען און אויפן

פּערטן אָוונט. מען האָט אַלץ געלערנט דעם הינטעלע אַזוינע זאַכן, וואָס זיינען אים אויסגעקומען זייער מאָדנע.

צוליב וואָס מען האָט אים געלערנט אַזוינע זאַכן, וועלן מיר דערציילן אין דעם וויטערדיקן מייסעלע.

צווייט מייסעלע

די פּאַבליק סקול איז געווען אין אַ גרויס הויך הויז פון רויטע ציגל. דעם טאָג האָבן די קינדער שוין געוואוסט, אַז עפּעס דאַרף פּאַרקומען. די לערערן מיס קרעין האָט אויך געוואוסט. אָבער זי האָט געשוויגן, ניט געוואָלט דערציילן דעם פּרינציפּאַל. זי האָט זייער ליב געהאַט די קינדער, און האָט ניט געקענט צוקוקן, ווי דער פּרינציפּאַל בייזערט זיך אָף די קינדער.

אָבער פּלוצלונג אינמיטן לערנען גייט אַריין דער פּרינציפּאַל מיט די שוואַרצע וואָנצעס און מיטן נאַקעטן קאָפּ. גיבן זיך אַ שטעל אויף אַלע קינדער. זאָגט ער זיי:

— זיצט.

זעצן זיי זיך.

גיט ער אַ מאַך:

— אויב איך וועל כאַפּן אימיצן פון אייך, וואָס רופט די קינדער צו אַ סטרייק, וועט זיין זייער שלעכט.

האָט דער גאַנצער קלאַס געשוויגן און געקוקט צו מוליקס זייט צו, וויל ער האָט שוין לאַנג גערעדט צו זיי, אַז מען דאַרף מאָנען פון פּרינציפּאַל, ער זאָל געבן אומזיסטע סענדוויטשעס און וואַרעמע מילך צו די הונגעריקע קינדער. באַזונדערס הונגעריק זיינען געווען אין דעם קלאַס דאָס פּוילישע ברודערל פּעט מיט זיין שוועסטערל קעטרין. זייערע פּענעמלעך זיינען געווען אַזוי בלאַס, אַז מען האָט געמיינט, אַז זיי כאַלעשן אַוועק. האָט מען געקוקט צו מוליקס זייט צו און יענער האָט זיך געמאַכט גלייך ניט אים מיינט מען.

נאָך האָט דער פּרינציפּאַל געזאָגט:

— מיר וועלן באַזוכן די קעשענעס בא יעדן קינד, איידער ער קומט אַריין אין קלאַס, און דערנאָכדעם ווען ער פאַרלאָזט דעם קלאַס.

און אַז מיר וועלן געפינען פּיאָנערישע בלעטלעך, וואָס רופן צום סטרייק, וועט זיין זייער שלעכט.

דער פּרינציפּאַל האָט זיך טאַקע גענומען גלייך באַזוכן יעדן איינעם. אָבער מען האָט בײַ מוליקן גאָרניט געפונען, ניט בײַ היימין און ניט בײַ נויעכן און ניט בײַ קיינעם ניט.

איז שוין דער פּרינציפּאַל געווען רואיק און האָט געהייסן מיס קרעין אַרויסנעמען די קינדער אין הויף און זיך שפּילן מיט זיי.

גייען זיי אַלע אַרויס אין הויף, אָבער פּלוצלונג — מען ווייסט ניט פון וואַנען און מען ווייסט ניט ווי אַזוי — לויפט אָן אַ הינטעלע מיט אַ פּאַק בלעטלעך אין מויל. גיט אַ שפּרונג אַריין צווישן די קינדער, גיט אַ צעעפן דאָס מויל, צעפליען זיך גלייך די דינע בלעטלעך אין אַלע זייטן, און דאָס הינטעלע אַליין אַנטלויפט גיך, גיך.

שרייט דער פּרינציפּאַל:

— מיס קרעין, מיס קרעין, לויף אים גלייך נאָך, כאַפּ אים.

אָבער יענער קוקט זיך אַפילו ניט אום און איז שוין ווייט, ווייט. דערווייל האָבן די קינדער אָנגעהויבן צו כאַפּן די בלעטלעך, שרייט דער פּרינציפּאַל:

— הייבט זיי ניט אויף. הייבט זיי ניט אויף, צערייסט זיי.

אָבער מען האָט זיי שוין ניט צעריסן, איבערגעלייענט גיך, גיך און דאָרטן איז געשטאַנען:

„קינדער, מיר מאָנען סענדוויטשעס! אונזערע עלטערן האָבן ניט קיין אַרבעט. די פּיאָנערן רופן אייך צו סטרייקן!"

שרייט דער פּרינציפּאַל:

— מיס קרעין, רופט זיי צונויף אַלע צוריק אין קלאַס.

גייען אַלע צוריק אַריין אין קלאַס.

קלאַפּט דער פּרינציפּאַל אין טיש און שרייט:

— וועמעס הינטעלע איז דאָס?

מוליק מאַכט זיך ניט וויסנדיק און גיט אַפילו ניט קיין פּינטל מיט קיין אויג.

— וועמעס הינטעלע? — שרייט ער נאָך העכער.

אָבער קיינער רופט זיך ניט אָן. און דער פּרינציפּאַל האָט זיך טאַקע ניט געקענט דערוויסן וועמעס הינטעלע עס איז. און אַז די קינדער זיינען יענעם טאָג געגאַנגען אַהיים, האָבן זיי אַ סאַך גערעדט וועגן דעם, אַז די פּאַפּירלעך זיינען גערעכט, אַז ס'זיינען דאָ אַזוי פיל הונגעריקע קינדער אין קלאַס און אַז מען וואָלט עפּעס געדאַרפט טאָן.

וואָס ווייטער איז געשען דערציילן מיר אין דעם ווייטערדיקן מייסעלע.

דריט מייסעלע

מוליקס לערערן, מיס קרעין, האָט גאָרניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אַזאַ אומגליק אַף איר. אַז אַלע טאָג, ווען מען ריכט זיך גאָרניט, קומט צולויפן דאָס הינטעלע מיט די ווייסע אויערן, האַלט צווישן די ציין אַ בינטל פּאַפּירלעך, עפנט אויף דאָס מויל, צעפליען זיי זיך אין אַלע זייטן, און ער אַנטלויפט גיך, גיך, און מען קען אים גאָרניט פּאַקן.

דער פּרינציפּאַל האָט איר געזאָגט, אַז זי מוז דאָס כאַפּן, און אַז מען וועט דאָס כאַפּן, וועט מען שוין וויסן וועמעס הינטעלע דאָס איז, און מען וועט זייער שווער באַשטראָפן דעם אינגל פון דעם הינטעלע.

וואָס זשע טוט מען טאַקע? יאָ כאַפּן — אַ ראַכמאָנעס אָפן הינטעלע. ניט כאַפּן — וועט דער פּרינציפּאַל זיין בייז אַף איר. דרייט זי זיך אַרום איבער איר צימער אַהין און צוריק, אַהין און צוריק.

קלאַפּט זיך מיט דער האַנט אין שטערן, אַז דער שטערן ווערט איר אַזש רויט. אָבער זי קען גאָרניט צוקלערן.

דערווייל ווערט שוין אַ פערטל צו אַכט. גייט מיס קרעין אין פּאַבליק סקול, דערזעט זי פאַר דער סקול ווי עס שטייען פיל רעדלעך מיט קינדער. ריידן עפּעס איינער צום אַנדערן און זיי זיינען זייער פאַרטאָן. אַז מען האָט מיס קרעין דערזען האָט מען אויפגעהערט צו ריידן, שטיל געוואָרן און שאַ. שטיל און שאַ זיינען אויך געווען פּעט און זיין שוועסטערל קעטרין, די קינדער פון פּוילישע עלטערן. סיי פּעט און סיי קעטרין זיינען געווען אַזוי אויסגעצערט. זייער טאַטע האָט שוין אַ צייט ניט געאַרבעט, זיינען זיי שטענדיק געווען הונגעריק.

איידער מיס קרעין איז אָנגעקומען האָבן זיי גערעדט וועגן מאָדנעם הינטעלע וואָס וואַרפט פּאַפּירלעך צווישן זיי, און אַז זיי לייענען די דאָזיקע פּאַפּירלעך, וואונדערן זיי זיך, וואָס אַלץ איז אַזוי ריכטיק געשריבן. פונוואַנען ווייסט דאָס הינטעלע וואָס עס טוט זיך בּאַ זיי אין שול? און וועמעס הינטעלע איז דאָס?

אייניקע קינדער האָבן טאַקע געזאָגט, אַז דאָס הינטל געהערט זיכער צו אַ פּיאָנערל, און יענער לערנט אים אויס וואָס צו טאָן.

אָט די אַלע זאַכן האָבן די קינדער גערעדט צווישן זיך, איידער מען האָט מיס קרעין דערזען אָנקומען. און אַז זי איז אָנגעקומען האָבן זיך אַלע פאַרנויגט פאַר איר, אָבער קאַלט און ניט אַזוי פריילעך ווי אַלעמאָל. האָט דער לערערן שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס מען פאַרנויגט זיך פאַר איר אַזוי קאַלט.

זי האָט געוואוסט פאַרוואָס די קינדער זיינען אַזוי קאַלט, ווייל זיי מיינען אַז זי איז קעגן דעם הינטעלע מיט די פּאַפּירלעך. זי איז אָבער ניט קעגן. זי איז אויך אַן אַרבעטערן. און אָט וויל זי ניט כאַפּן דאָס הינטעלע, און זי ווייסט, אַז דאָס וואָס עס שטייט אין די פּאַפּירלעך איז עמעס. אַ סאַך קינדער אין קלאַס זיינען הונגעריק, אַז זיי קענען אַפילו ניט איינזיצן אַף די בענקלעך, און אַזוי פיל רייכע מענטשן זיינען דאָ אין ניו־יאָרק. קענען זיי דען ניט געבן עסן און טרינקען די קינדער?

קומט די צייט פון לערנען, לויפן אַלע אַריין אין קלאַס. פּעט און קעטרין קענען ניט לויפן, ווייל זיי האָבן ניט קיין קויעך.

ס'איז זומער, די פענצטער פון קלאַס זיינען אָפן. די זון גייט אַריין און לייגט זיך אַנידער אַף די ווענט. דער טאָג איז זייער אַ שיינער

און מים קרעין האָט ליב אירע קינדערלעך. זי וואָלט זיי געוואָלט עפּעס העלפן, אָבער זי האָט מוירע אַז דער פּרינציפּאַל וועט זאָגן אַף איר, אַז זי איז אַ „רעד“, און זי וועט פאַרלירן איר דזשאָב.

קומט אַריין דער פּרינציפּאַל מיט די שוואַרצע וואָנצעס און מיטן נאַקעטן קאָפּ און זאָגט אַזוי:

— מים קרעין, פאַרוואָס כאַפּט איר ניט דאָס הינטעלע?

ווערט בלאַס מים קרעין און ענטפערט:

— איך קען דאָס ניט כאַפּן, ס׳איז שנעלער פאַר מיר.

מאַכט דער פּרינציפּאַל בייז:

— ס׳איז אָלרייט, איך וועל שוין צוטראַכטן עפּעס, מען וועט דאָס שוין כאַפּן. — אַזוי האָט ער געזאָגט און איז אַרויס.

הערן אַלע קינדער, וואָס ער זאָגט און זיי הייבן זיך אָן צו שרעקן. מים קרעין שרעקט זיך אויך, אָבער זי ווייזט דאָס ניט פאַר דעם קלאַס. זי הייבט אָן צו לערנען און אַזוי ווי זי לערנט און די זון שיינט אַריין דורך די פענצטער, אַזוי פּלוצלונג, אַזוי פּלוצלונג גיט אימיצער אַ שפּרונג אַריין דורך אַן אָפן פענצטער. מען גיט אַ קוק — ס׳איז דאָס זעלבע הינטעלע. ס׳גיט אַן עפן דאָס מויל, ס׳גיט אַ לאָז אַרויס פּאַפּיר־לעך, אַ שפּרונג צוריק דורכן פענצטער און אַנטלויפט.

אָבער פאַרוואָס זיינען אַלע קינדער מיטאַמאָל אַזוי בלאַס געוואָרן? פאַרוואָס, וועל איך אייך דערציילן אין דעם וויטערדיקן מייסעלע.

פערט מייסעלע

פאַרוואָס זשע זיינען די קינדער אַזוי בלאַס געוואָרן? ווייל זיי האָבן דערהערט אינדרויסן אַ געשריי:

— כאַפּט דעם באָלשעוויק.

ווי אַזוי נאָר לאַבזיק האָט אָפּגעטאָן זיינס אין קלאַס, און איז אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער, אַזוי באַלד איז אָנגעלאָפן אַ הויכער מאַן, אַ דעטעקטיוו, מיט אַ שטריק און אָנגעהויבן צו שרייען: — כאַפּט אַ באָלשעוויק, כאַפּט אַ באָלשעוויק.

האָט לאַבזיק גלייך דערשמעקט, אַז ס׳איז שלעכט, האָט ער זיך געגעבן אַזאַ צעיאָג ווי אַ ווינט. די קינדער זיינען אַלע צוגעלאָפן צום

פענצטער, מים קרעין אויך. באַ אַלעמען האָבן די הערצער געציטערט, אַז מען זאָל דאָס ניט כאַפּן און זיי האָבן געשריען:

— הינטעלע אַנטלויף, אַנטלויף.

מוליק האָט גאָרניט געשריען, אָבער ער האָט געציטערט מער פאַר אַלעמען. ער האָט פאַרביסן די ליפּן, אַרויסגעקוקט מיט אַלעמען דורכן פענצטער און געשוויגן.

דער הויכער מאַן יאָגט זיך נאָך לאַבזיקן איבער דער גאַנצער גאַס, ער וואַרפט אַף אים מיטן שטריק, ווי אַ קאַובוי, אָבער ער טרעפט ניט. לאַבזיק וואָלט זיכער געוועןן אַנטלאָפן, ווען ניט דער גרויסער טראַק. אַ גרויסער טראַק איז פּלוצלונג אָנגעפאָרן, און ס׳הינטעלע האָט זיך פאַרהאַלטן אַף אַ ווײַלע. צוליב אָט דער ווײַלע האָט מען אים געכאַפּט. דער מאַן האָט פאַרוואָרפן דעם שטריק און אים געכאַפּט באַ אַ פּיסל.

די קינדער אין קלאַס האָבן אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געשריי. מוליק האָט ניט קיין געשריי געגעבן. ער האָט זיך פאַרדעקט זײַן פּאַנעם מיט די הענט. מיס קרעין איז געוועןן שטאַרק צעטראָגן, אָבער זי האָט געהייסן אַלעמען זיך אַוועקזעצן אַף די ערטער און זי האָט אָנגעהויבן לערנען:

— אונדזערע עלטער־עלטער־זיידעס — האָט זי געלערנט — האָבן געאַרבעט זייער שווער אין אַמעריקע, און אײַנגעפירט אין לאַנד דעמאָ־קראַטיע פאַר ברידערלעכקייט, פאַר פרײַנטשאַפט און פאַר גלײַכהייט.

די קינדער האָבן אָבער גאָרניט געהערט, וואָס זי רעדט. זיי האָבן זיך געזאָרגט וועגן הינטעלע.

און אָט עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן דער פּרינציפּאַל מיטן הויכן מאַן, וואָס האַלט לאַבזיקן אַ געבונדענעם. האָבן אַלע אין קלאַס פאַרהאַלטן די אָטעמס. לאַבזיק האָט גלײַך דערזען מוליקן און אַ קוק געטאָן אַף אים מיט טרויעריקע אויגן. מוליק האָט אים גע־ענטפערט מיט אַ גוטן קוק, און גלײַך אַוועקגעדרייט זײַן קאָפּ פון זײַן ליבן הינטעלע כאַוער.

דער פּרינציפּאַל גיט אַ שטעק אויס די האַנט און רופט זיך אָנעט:

— וועמעס הינטעלע איז דאָס?

אַלע שווייגן, מוליק אויך.

— וועמעס הינטעלע איז דאָס? איך וויים דאָך, אַז אימיצער האָט דאָס אויסגעלערנט אַזוי צו טאָן.

ס'איז שטיל, אזוי שטיל, אַז מען הערט ווי די הערצער באַ די קינדער קלאַפּן.

— גוט — רופט זיך אָן דער פּרינציפּאַל — מען וועט זיך ניט מוידע זיין, וועל איך שוין אַליין אויסגעפינען. מיס קרעין, פאַרמאַכט אַלע פענצטער און פאַרשליסט די טיר.

מיס קרעין פאַרמאַכט אַלע פענצטער און פאַרשליסט די טיר מיט ציטערדיקע הענט.

— גוט — זאָגט ער ווייטער — בינדט אָפּ דאָס הינטעלע.

דער הויכער מאַן האָט אָפּגעבונדן דאָס הינטעלע.

— און איצטער — מאַכט דער פּרינציפּאַל — וועלן מיר זען, צו וועמען דאָס הינטעלע וועט צולויפן. אויב ער וועט צולויפן צו איינעם פון די קינדער, איז אַ גוטער סימען.

לאַבזיק איז אָבער צו קיינעם ניט צוגעלאָפן. ער האָט זיך נאָר אויסגעצויגן, צעטרייסלט זיך, זיך אויסגעגלייכט, פאַרדרייט דעם קאָפּ צום פענצטער און אַף קיינעם ניט געוואָלט קוקן.

מוליק האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע קויכעס, אַז ער זאָל ניט קיין געשריי טאָן:

— לאַבזיק!

נויעך און היימי האָבן געטראַכט, אַז אויב לאַבזיק וועט פאַרגעסן וואָס מען האָט אים געלערנט, וועט זיין זייער שלעכט.

— גוט — מאַכט דער פּרינציפּאַל — ס'איז ווייזט אויס אַ געלערנט הינטעלע, אָבער מיך נאַרט מען ניט אָפּ. לאָז יעדער קינד צוגיין צו מיר. איך וועל אויפהייבן די האַנט און זיך מאַכן, אַז איך וויל אים שלאָגן, וועט דאָס הינטעלע זיכער אַ האַווקע טאָן, אויב איך וועל צוקומען צום אינגל וועמען ער געהערט.

גייט צו יעדעס קינד צום פּרינציפּאַל, יענער הייבט די האַנט און מאַכט זיך אַז ער וויל שלאָגן, אָבער לאַבזיקן אַרט דאָס ניט. ער דרייט אַלעמאָל אויס דעם קאָפּ צום פענצטער.

און אָט גייט צו מוליק. לאַבזיקס אויגן בייטן זיך. דער פּרינציפּאַל פרייט זיך, אָט פּאַקט ער אימיצן. ער הייבט אויף אַ האַנט אַף מוליקן און קוקט אַף לאַבזיקן. לאַבזיק וויל זיך אַ ריים טאָן, אָבער ער כאַפּט זיך, אַז מען טאָר ניט, און שטיל און שאַ שטייט ער.

— אָזוי גאָר — שרייט שוין אויס דער פּרינציפּאַל זייער בייז —

וועלן מיר שוין זען. אַט וועלן מיר דאָס אַוועקשיקן אַהין, וואו מען פאַרגיפטעט די שלעכטע הינט פון דער שטאָט.

מוליקן האָבן געגעבן אַ שפּאַר די טרערן אין האַלדז. ער האָט זיי אָבער אַראָפּגעשלונגען און זיך ניט צעוויינט.

דער פּרינציפּאַל האָט אַוועקגעטראָגן דאָס הינטל אין אָפּיס. די קינדער האָבן זיך געזעצט אַף די בענקלעך. און מיס קרעין, אַ טרויעריקע, האָט אָנגעהויבן ווייטער צו לערנען:

— אונדזערע עלטער-עלטער-זיידעס האָבן געאַרבעט זייער שווער אין אַמעריקע. און איינגעפירט אין דעם לאַנד דעמאָקראַטיע פאַר ברידערלעכקייט, פאַר פרייַנטשאַפט און פאַר גלייכהייט.

וואָס עס האָט ווייטער געטראָפן—אין דעם ווייטערדיקן מייסעלע.

פינפט מייסעלע

ס׳איז געקומען די צייט פון מיטאָג. אַרום פינף הונדערט קינדער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין שול-הויף. די נייעס וועגן אַרעסטירטן הינטעלע, וואָס האָט געוואָרפן פּאַפּירלעך און גערופן צום סטרייק, האָט זיך פאַרשפרייט צווישן אַלעמען. פון דעם פּרינציפּאַלס אָפּיס האָט זיך געהערט אַ האַווקעריי. קינדער האָבן פאַריסן די קעפּ צום דריטן שטאָק, ווייל דאָרטן איז געווען דעם פּרינציפּאַלס אָפּיס. פּעט און קעטרין זייַנען געזעסן אַף די טרעפּ און ס׳האָט זיי געשווינדלט אין די אויגן פון הונגער. זיי זייַנען שוין געווען זייער קראַנק און אָפּגעשוואַכט. די קינדער האָבן זיך געוואָלט טיילן מיט זיי מיט זייערע סענדוויטשעס, האָבן זיי זיך געשעמט נעמען.

היימי, מוליק און נויעך זייַנען גלייך אַוועקגעגאַנגען אין אַ ווייטן ווינקל צו רעדן וועגן דעם וואָס האָט געטראָפן.

היימי האָט געזאָגט, אַז איצטער איז זייער אַ גוטע צייט צו רופן אַלע קינדער אין סטרייק, ווייל אַלע זייַנען אין קאַעס אַפן פּרינציפּאַל.

נויעך האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף באַלד שוין אָנהויבן.

אין דער מינוט האָט זיך אָפּגעשטעלט זייער אַ מאָדנער אַטאָמאָביל מיט אַ טיר ווי אין אַ שטייג. אַלע קינדער האָבן זיך גלייך געלאָזט לויפן צום אַטאָמאָביל. דאָס איז געווען דעם הונט-כאַפּערס אַטאָמאָביל. און מען האָט שוין אַלע פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט.

נויעך האָט גלייך געגעבן אַ שפּרונג אין דער לופטן און זיך אַרויפגעדראַפּעט אַף מוליקס אַקסלען. היימי האָט אים צוגעהאַלטן באַ די פיס, ער זאָל ניט פאַלן. די קינדער האָבן דערזען נויעכן שטיין אַף מוליקס אַקסלען, זיינען זיי געוואָרן שטיל.

נויעך האָט אָנגעהויבן:

— כאַוויירים:

די קינדער האָבן צום ערשטן מאָל געהערט דאָס וואָרט „כאַ-וויירים", האָבן זיי געשמייכלט און זיך געפילט גוט.

— כאַוויירים, אין דער שול הונגערן אַ סאַך קינדער, וועלן מיר שווייגן?

— ניין — ענטפערן זיי אַלע ווי איין מענטש.

— כאַוויירים, מען וועט טויטן דאָס הינטעלע, וואָס האָט אונז דערציילט וועגן די הונגעריקע קינדער, וועלן מיר שווייגן?

— ניין — ענטפערן זיי אַלע הויך און שטאַרק.

— איז, כאַוויירים, רופן מיר אַ סטרייק.

— יאָ, אַ סטרייק — ווערט אַ גרויסער שטורעם.

— קינדער, קערט זיך ניט אום צו די קלאַסן.

— ניין — הויבן זיי די הענט אין דער לופטן.

— ניין, קיינער קערט זיך ניט אום אין די קלאַסן, ביז מען הייבט אָן צו געבן עסן די הונגעריקע קינדער. ביז מען לאָזט פריי דאָס קלוגע הינטעלע.

— קיינער — שרייען אַלע.

און דאָ טראָגט שוין דער הונט-כאַפּער אין זיינע גרויסע לאַפּעס לאַבזיקן, וואָס קוקט מיט טרויעריקע אויגן אַף מוליקן, אָבער יענער שווייגט און גיט אַפילע קיין פינטל מיטן אויג צו ווייזן, אַז ער קאָן אים.

לויפן אַלע קינדער נאָך דעם הונט-כאַפּער, און שרייען:

— לאָז אָפּ דאָס הינטעלע, לאָז אָפּ!

יענער אָבער לויפט שנעל מיט דעם הינטעלע, וואַרפט דאָס אַריין אינעווייניק, פאַרשליסט די טיר און וויל שוין אַ טראָט טאָן אַף דעם גאַז פון אַטאָמאָביל, זיך צעפאָרן. אָבער ווי קען ער פאָרן, אַז אַלע קינדער האָבן זיך אָנגענומען באַ די הענט און זיך געשטעלט ווי אַ וואַנט גלייך אַנטקעגן דער מאַשין.

— צעגייט זיך, צעגייט זיך — קוויטשעט דער האָרן — צעגייט זיך, ווייל איך פאָר אַרויף גלייך אַף אייך.

— פּאַר, פּאַר, טרוס, מיר רירן זיך ניט, ביז דו לאָזט ניט אָפּ דאָס הינטעלע.

דערווייל לויפט אַרוים דער פּרינציפּאַל. דערזעט וואָס ס'טוט זיך און שרייט:

— גיך אין די קלאַסן, מיר הייבן אָן לערנען.

ווערן אַנטשוויגן אַלע קינדער און מוליק גייט צו נאָענט צום פּרינציפּאַל און זאָגט:

— ניין, מיסטער פּרינציפּאַל, מיר סטרייקן.

— וואָס פּאַר אַ סטרייקן — צעשרייט זיך דער פּרינציפּאַל — מיר וועלן רופן פּאָליציי.

— רופט — מאַכט מוליק — מיר האָבן ניט קיין מוירע. מיר סטרייקן, ביז מען וועט געבן עסן די הונגעריקע קינדער, און ביז מען וועט אַרויסלאָזן פריי דאָס אומשולדיקע הינטעלע.

— אַהאַ, באָלשעוויקעס — שרייט דער פּרינציפּאַל — מיר וועלן אייך ווייזן! — און ער גייט צו צום הונט-כאַפּער און שושקעט אים עפּעס אַריין אין די אויערן. יענער גיט טייקעף אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַז ער פאַרשטייט, און נעמט זיך גלייך אויסדרייען דעם אָטאָמאָביל אָף דער צווייטער זייט, וואו ס'איז פריי דער וועג. פאַרשטייען אָבער אויך די קינדער וואָס ער וויל טאָן, און נויעך גיט אַ געשריי: „צעטיילט זיך אָף דער העלפט."

טיילט זיך גלייך אָפּ אַ העלפט, מען לויפט איבער אָף דער צווייטער זייט און ס'ווערט נאָך אַ וואַנט פון קינדער, איין וואַנט פון דער זייט און איין וואַנט פון דער צווייטער זייט.



לאַבזיק קוקט דורך די לעכלעך פון דער שטייג און הייבט אָן צו

פאַרשטיין וואָס קומט פאָר, שפּרינגט ער אין דער לופטן און דראַפּעט זיך אַף דער טיר.

דערזעט דער פּרינציפּאַל, אַז די קינדער האָבן אים איבערגעקליגט, ווערט ער שרעקלעך בייז און גיט אַ געשריי און אַ מאַך:

— אָלרייט, אַט רוף איך גלייך פּאָליציי.

און ער לויפט אַריין צו זיך אין אָפיס, טעלעפאָנירט צו דער פּאָליציי.

גיט נויעך אַ רוף אויס:

— קינדער, וועלן מיר זיך דערשרעקן פאַר פּאָליציי?

— ניין — ענטפערן אים אַלע ווי איין מענטש — מיר וועלן זיך ניט דערשרעקן!

— אויב אַזוי — מאַכט נויעך — לאָמיר זיך זעצן אַף די שטיינער, מיר האָבן צייט.

זעצן זיך אַלע קינדער אַף די שטיינער אינמיטן דער גאַס, אַ העלפט פון דער זייט און אַ העלפט פון דער צווייטער זייט. מיס קרעין שטייט אין סקול-הויף. זי מאַכט אַ פּאָנעם, ווי זי איז ברויגעז, אָבער אין האַרצן פרייט זי זיך, ווייל זי ווייסט אַז די קינדער זיינען גערעכט.

דערווייל אין אַלע בלאָקס אַרום, דערוויסן זיך די מאַמעס וועגן סטרייק, לאָזן זיי גלייך איבער זייערע הייזער און קומען צו לויפן צו דער שול. דערציילט מען זיי, פאַרוואָס זייערע קינדער סטרייקן, מאַכן זיי:

— גערעכט!

עס קומט אָן פּאָליציי. עפּשער צוואַנציק פּאָליסלייט. דער קעפּטן גייט צו און רופט זיך אָן בייז:

— וואָס זיצט איר דאָ?

ענטפערט נויעך:

— ווייל מיר האָבן צייט, זיצן מיר דאָ.

— דו שוואַרצער באָלשעוויק — וויל דער קעפּטן אויפהויבן דעם קלאָב און דערלאַנגען נויעכן.

צעשרייען זיך אַלע מאַמעס זייער בייז און מאַכן:

— אַ נו, פּרוּוו נאָר לייגן אַ האַנט אַף אים, צערייסן מיר דיך גלייך ווי אַ הערינג.

דער קעפּטן דערשרעקט זיך פאַר אַזוי פיל מאַמעס. גייט ער צו צום פּרינציפּאַל און שושקעט זיך מיט אים. דער פּרינציפּאַל דרייט

מיטן קאָפּ אַף יאָ. לויפט, לויפט ווידער אַריין צו זיך אין אָפּיס און טעלעפאָנירט צו די פייער-לעשער. קומען אָן די פייער-לעשער מיט די קישקעס, שטעלן זיי אַריין די קישקעס אין די וואַסער-קראַנען און ווילן שוין אָנהייבן שפּריצן וואַסער אַף די קינדער. אָבער צווישן די פייער-לעשער געפינט זיך אַ טאַטע, וועמעס קינד לערנט אין דער סקול. שרייט ער:

— ניטע, ניטע, מיר קענען ניט שפּריצן קיין וואַסער אַף אונדזערע אייגענע קינדער.

דרייען די פייער-לעשער צוריק אָפּ די קישקעס פון די וואַסער-קראַנען.

און לאַבזיק קוקט צו, וואָס עס קומט פאָר, און קלייבט נאָכעס. דרייט ער זיך מיטן ווידעלע, לויפט אַרום אין שטייג אַהין און צוריק, אַהין און צוריק און האָוקעט זיך פאַר פאַרגעניגן.

האָט דער פּרינציפּאַל שוין געמוזט טעלעפאָנירן צו דער „באָרד אָוו עדיוקיישאָן", איז גלייך אָנגעקומען אין אַ רייכן אָטאָמאָביל אַ הויכער מאַן, אַ קוק געטאָן וואָס עס טוט זיך און געזאָגט צום פּרינ-ציפּאַל: „איך האָב מוירע, אַז מיר וועלן מוזן נאָכגעבן, ווייל אַלע צייטונגען וועלן זיך דערוויסן, מאַמעס פון אַנדערע בלאָקס וועלן זיך דערוויסן און מען וועט אָנהייבן צו רעדן קעגן אונדז." שטעלט ער זיך גלייך דינגען מיט די קינדער. ער זאָגט:

— אָלרייט, מיר לאָזן אייך פריי דאָס הינטעלע, אָבער וועגן פרייע עסן, פאַרגעסט.

— ניין — ענטפערט נויעך — וועגן פרייע עסן וועלן מיר ניט פאַרגעסן.

טוט דער הויכער מאַן אַ קוק אַפן פּרינציפּאַל און יענער טוט אַ קוק אַפן הויכן מאַן. רופט ער זיך אָן:

— גוט, פרייע עסן אויך, גייט גלייך אין קלאַס אַריין.

— ניין — מאַכט נויעך — מיר גייען ניט אין קלאַס אַריין, ביז דו שרייבסט אונטער דאָס פּאַפּיר.

— וואָס שטייט דען אין פּאַפּיר? — פרעגט דער הויכער מאַן.

— עס שטייט — ענטפערט נויעך, אַז איר לאָזט פריי דאָס הינטעלע, אַז איר גיט פרייע עסן.

שרייבט דער הויכער מאַן אונטער דאָס פּאַפּיר. ווערט אַ גרויסע פרייד אַף אַלע קינדער. עפנט דער הונט-כאַפּער די שטייג. שפּרינגט

אַרויס גלייך לאַבזיק. אָבער ער ווייסט נאָך ניט, צי ער מעג צולויפֿן צו מוליקן. גיט מוליק אַ געשריי:

— לאַבזיק.

שפּרינגט אַרויף דאָס הינטעלע גלייך אַף מוליקן, לעקט אים דאָס פּאָנעם, קאַוואַטשעט פֿאַר פֿרייד. וואַרפֿן אַלע די היטלעך אין דער לופֿטן און זיי שרייען:

— הוראַ, הוראַ פֿאַר מוליקן און זיין הינטעלע!

לאַבזיק און דער בויסקאַוט

לאַבזיק און מוישל זיינען צווישן זיך ניט געווען אַזוינע גוטע פריינט. ווער זשע איז מוישל ? וואָס זשע, איר קענט ניט מוישלען ? דאָס איז דאָך מוישל, וועמעס טאַטע האָט אַ גרויסע רייכע גראָסערי אונטן מיט דער טיר צו דער גאַס צו. מוישלס טאַטע האָט אַ לאַנגע באָרד און מוישל אַליין איז אַ בויסקאַוט.

אָט דער מוישל קומט אַריין אָפט צו בערלען דעם אַפּריימער אין הויז זיך קריגן מיט מוליקן און ריפקעלען.

מוישל האָט אויך ליב צו שפּילען אין דער לופטן. וואָס העכער דער שפּיי פליט אין דער לופטן, אַלץ מערער איז ער צופרידן. ווען לאַבזיק האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען מוישלען אַ שפּיי טאָן אין דער לופטן, האָט ער געטראַכט באַ זיך : פע, ער איז אַ גראָבער יונג.

איינמאָל פאַרנאַכט קומט מוליק צוגיין זייער אַ פריילעכער פון דער קינדער-שול און האַלט עפּעס אַ גרויסן קאַרטאָן איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר. דער ערשטער, פאַרשטייט זיך, לויפט צו דאָס הינטעלע מיט די ווייסע אויערן און טוט אַ מאַך :

— האַוו, האַוו.

אָבער מוליק מאַכט זיך ווי ער הערט ניט.

גייט שוין צו ריפקעלע און טוט אַ פרעג :

— מוליק, וואָס האָסטו אין דיין האַנט ?

מאַכט זיך דאָס ברידערל ווידער ווי ער הערט ניט.

שווייגט שוין לאַבזיק. שווייגט שוין אויך ריפקעלע און זיי ביידע נעמען ניט אַראָפּ קיין אויג פון מוליקן.

זעט מען ווי ער נעמט אַ האַמער. זעט מען, ווי ער נעמט קליינע נעגעלעך. דערנאָכדעם גיט ער אַ מאַך :

— ריפקעלע, שטעל זיך מיטן פּאָנעם צו דער טיר.

שטעלט זיך ריפקע מיט איר פּאָנעם צו דער טיר.

דערנאָכדעם מאַכט ער צו לאַבזיקן :

— לאַבזיק, שטעל זיך מיטן פּאָנעם צו דער טיר.

שטעלט זיך אויך לאַבזיק מיטן פּאָנעם צו דער טיר. שטייען זיי

ביידע אַזוי מיט די פּענעמער צו דער טיר, און הערן ווי מוליק קלאַפּט עפּעס אַריין אין דער וואַנט. איז דאָך לאַבזיק אַ גאַנעוו, דרייט ער אוים דאָס קעפּל אַ קוק צו טאָן, אָבער מוליק האָט דאָס טייקעף באַמערקט און אַ געשריי געטאָן:

— לאַבזיק, זיי ניט קיין גאַנעוו.

פאַרשטייט זיך, אַז לאַבזיק האָט שוין מערער ניט געוואָלט זיין קיין גאַנעוו און ער האָט שוין מערער ניט אויסגעדרייט דאָס קעפּל.

קלאַפּט דאָרטן מוליק. קלאַפּט און קלאַפּט, ביז ער גיט אַ מאַך:

— און איצטער דרייט אוים אייערע קעפּ.

גיט ריפקעלע אַ קוק, גיט זי אַזש אַ פּאַטש מיט די הענט פון פרייד:

— ס'איז דאָך לענין.

— אַוואַדע לענין — ענטפערט מוליק זייער צופרידן — דאָס וועט זיין דאָס לענין־ווינקל.

אָבער לאַבזיק ווייסט נאָך ניט ווער לענין איז, אָבער ער שעמט זיך, אַז מען זאָל וויסן, אַז ער ווייסט ניט. מאַכט ער זיך אויך פריילעך, שפּרינגט אין דער לופטן, דרייט מיטן ווידעלע און מאַכט זיך מעשוגע.

דעם אָוונט איז מוישל דער בויסקאַוט געקומען אין הויז אַריין זיך קריגן. אַז ער האָט נאָר דערזען דאָס בילד, האָט ער באַלד אַ פרעג געטאָן:

— הו איז דהים גאַי, עניוויי?

רופט זיך אָן מוליק און איז אין קאַעס:

— זאָג ניט גאַי, מוישל. דאָס איז לענין אַליין.

— לענין, ווער איז ער?

רופט זיך שוין אָן ריפקעלע:

— וואָס־זשע, דו ווייסט ניט ווער לענין איז? ס'איז דאָך לענין, דער גרעסטער און דער בעסטער פירער פון אַלע אַרבעטער.

גיט מוישל אַ דריי מיט דער נאָז און מאַכט:

— אויך מיר אַ פירער, אַז ער איז גאָרניט קיין אַמעריקאַנער.

לאַבזיקן איז זייער ניט געפעלן געוואָרן, וואָס מוישל האָט אַ דריי געטאָן מיט דער נאָז אַף לענינען און ער האָט שוין געוואָלט אַ האַווקע טאָן אַף אים, אָבער אין דער מינוט האָט זיך מוליק אָנגערופן:

— און אַז דילינדזשער איז אַן אַמעריקאַנער, קען ער ניט זיין קיין גרויסער באַנדיט?

גיט מוישל אַ הויכן שפּיי אין דער לופטן און מאַכט:

— אַז דו ביסט אַ קאָמוניסט, וואָס איז דאָ מיט דיר צו רעדן?

און ער גייט זיך אַרויס. זיינען די קינדער געווען אַ ביסל ברויגעז אַף מוישלען, וואָס ער האָט אַזוי געזאָגט וועגן לענינען, אָבער זיי האָבן גלייך פאַרגעסן. אָבער לאַבזיק האָט ניט פאַרגעסן, און ס׳איז געווען גוט וואָס ער האָט ניט פאַרגעסן, ווייל הערט אומיסטנע ווייטער:

איז איינמאָל אַ פאַרנאַכט. ס׳איז געווען זומער און היים. ס׳איז גאָרניט געווען איבערצוטראָגן פון דער היץ. זיצט די מאַמע מאַלי אַף די טרעפּ. זיצט בערל דער אַפּרייטער אַף די טרעפּ, זיצן ריפקעלע מיט מוליקן אַף די טרעפּ, נאָר עס זיצט ניט לאַבזיק אַף די טרעפּ. ער איז געלעגן צעלייגט אַף די שטיינער מיטן בייכל אַרויף און מיט אַלע פיר פיסלעך געטריבן די פליגן, וואָס האָבן זיך צו אים געטשעפּעט.

זיצן זיי אַזוי אַלע און ווייסן גאָרניט, וואָס עס דאַרף פּאַרקומען. מוישל, מיט אַ שער, וואָס ער האַלט אונטער דעם רוקן, באַווייזט זיך אַף דער גאַס. גיט אַ קוק אַף מוליקן און אַף ריפקעלען. גיט אַ קוק אַף לאַבזיקן, וואָס ליגט מיטן בייכל אַרויף, און — סטייעט באַלד ניט.

מוישל האָט געמיינט, אַז לאַבזיק האָט אים ניט באַמערקט. אָבער לאַבזיק וועט אים ניט באַמערקן? גלייך באַמערקט, און ס׳איז אים זייער ניט געפעלן יענעמס קוק. הייבט זיך דאָס הינטעלע אויף פון דער ערד און לאָזט זיך גלייך אין הויז אַריין.

גיט ריפקע אַ פרעג:

— לאַבזיק, וואוהין איז?

גיט לאַבזיק אַ דריי אוים דאָס קעפּל מיט די קלוגע אייגעלעך, ווי איינער מאַכט:

— וואָס אַרט דיך? ס׳איז אַלרייט.

גייט זיך אַזוי מוישל איבער די טרעפּ, טריט באַ טריט, קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, אין אַלע זייטן.

לאַבזיק גייט אים נאָך, גייט אים נאָך.

גיט מוישל אַן עפן אויף פּאַוואַלינקע די טיר פון בערל דעם אַפּרייטערס הויז, און גייט זיך אַריין. לאַבזיק נאָך אים. גייט מוישל אַריין אין צווייטן צימער, אין צווייטן צימער. לאַבזיק נאָך אים. גיט מוישל דער בויסקאָוט אַ שטרעק אוים די האַנט מיט דער שער צו לענינס בילד, צו לענינס בילד, און וויל שוין אַ צעשער טאָן. אָבער פּלוצלונג דערפילט ער, ווי אימיצער האָט זיך איינגעביסן מיט די ציין אין זיין שוך. אַוואַדע איז דאָס געווען לאַבזיק, וואָס האָט זיך אַריינ־

געביסן מיט זיינע ציין אין מוישלס שיך און וויל שוין ניט אָפּלאָזן. דערשרעקט זיך דער בויסקאַוט, אָבער ער האָט מוירע צו שרייען, ווייל מען וועט נאָך אַריינלויפן, וועט מען זען, וואָס ער האָט געוואָלט טאָן. הייבט ער אָן שלאָגן מיט דער שער לאַבזיקן איבערן קאָפּ. אָבער ס׳הינטעלע טוט אַפילע ניט קיין האַווקע. ס׳קען ניט קיין האַווקע

טאָן, ווייל די ציינדלעך זיינען פאַרנומען. זיי בייסן זיך אַריין טיפער און טיפער דורכן לעדער, ביז זיי דערגרייכן דאָס פלייש פון מוישלס פיס. טוט מוישלען שרעקלעך וויי און ער בעט זיך באַם הינטעלע:

— לאַבזיק, ס׳טוט וויי, לאָז אָפּ.

לאַבזיק אָבער לאָזט שוין ניט אָפּ. ער האָט אים געכאַפּט באַ אַזאַ זאַך, וועט ער אים שוין האַלטן.

דער סאָף איז געווען, אַז מוישל האָט געמוזט אָנהויבן צו שרייען:

— געוו—אַל—ד! געוו—אַל—ד!

איז אַנגעלאָפן בערל מיט מאַלין, און ריפקע מיט מוליקן, און מען האָט דאָס הינטעלע קאָם אָפגעריסן פון זיין פוס.

דעם אָוונט איז שוין לאַביזיק געווען אַ גרויסער העלד אין הויז. מוליק האָט אים געגלעט. ריפקעלע האָט אים געקושט, מאַלי האָט צו אים געגעבן אַ שמייכל, און בערל דער אַפרייטער האָט שוין ניט געזאָגט:

— אַ קאַפּאַרע לאַביזיק.

נאָר ער האָט געזאָגט:

— ער איז דאָך אַ וואויל הינטעלע, לאַביזיק. וואָס ווילט איר פון אים?

לאַבזיק און דער סטרייק

ערשט מייסעלע

קומט איינמאָל פאַרנאַכט אַהיים בערל דער אַפּרייטער מיט די לאַכנדיקע אויגן, און זאָגט ניט:

— אַ גוטן אָוונט דיר מיין ווייב מאַלי, אַ גוטן אָוונט דיר מיין טעכטערל ריפקע, אַ גוטן אָוונט דיר מיין זון מוליק, און אַ גוטן אָוונט דיר אויך הינטעלע לאַבזיק.

ניין, ער זאָגט ניט אַזוי, נאָר ער זעצט זיך אַנידער באַם טיש און זאָרגט זיך. זעצט זיך די מאַמע מאַלי אויך אַנידער באַם טיש, און מוליק און ריפקע, און לאַבזיק, און זאָרגן זיך אויך, וואָס בערל זאָרגט זיך.

גיט בערל מיטאַמאָל אַ קלאַפּ אין טיש און טוט אַ זאָג:

— אַ קאַפּאָרע, וואָס זאָרגט איר זיך אַלע? וואָס דערלאַנגט איר מיר ניט די וועטשערע? איך בין הונגעריק.

רופט זיך אָן די מאַמע מאַלי:

— ניין, איך וועל דיר ניט דערלאַנגען די וועטשערע.

— פאַרוואָס? — פרעגט בערל דער אַפּרייטער.

— דערפאַר — ענטפערט די מאַמע — ווייל דו האָסט מיר ניט געזאָגט אַ גוטן אָוונט, אויך ניט צו די קינדערלעך און אויך ניט צום הינטעלע.

— איך האָב ניט געזאָגט אַ גוטן אָוונט? — וואונדערט זיך בערל — זע נאָר טאַקע. אַ גוטן אָוונט דיר מיין ווייב מאַלי, אַ גוטן אָוונט דיר מיין זון מוליק, אַ גוטן אָוונט דיר מיין טעכטערל ריפקע, און דיר אויך הינטעלע לאַבזיק. נו, דערלאַנג שוין די וועטשערע.

— ניין, איך וועל דיר נאָך אַלץ ניט דערלאַנגען — איז נאָך ברויגעז די מאַמע.

— פאַרוואָס? — מאַכט בערל — איך האָב דאָך שוין געזאָגט אַ גוטן אָוונט.

— יאָ, האָסט געזאָגט — זאָגט די מאַמע — אָבער מיר ווילן דאָך אויך וויסן, פאַרוואָס דו זאָרגסט זיך.

— האַ, איך זאָרג זיך, זאָגסטו מאַלי — מאַכט דער טאַטע — יאָ, איך זאָרג זיך טאַקע צוליבן סטרייק.

— סטרייק ?! — רופט אויס די מאַמע און גיט אַ פּליעסקע מיט די הענט.

— סטרייק! — שרייט אויס מוליק און שטעלט אַרויס אַ פּאָר גרויסע אויגן.

— סטרייק! — גיט זיך ריפקעלע אַ פּאַטש אין דער באַק.

— האַוו, האַוו — גיט לאַבזיק אַ האַווקע. פאַרשטייט זיך, אַז ער ווייסט גאָרניט וועגן וואָס עס קומט פאָר. אָבער אַז אַלע זאָגן, דאַרף ער דאָך אויך עפּעס זאָגן.

— יאָ, סטרייק — ענטפערט בערל — אַ סטרייק קעגן באָס. דער באָס וויל אַז מיר זאָלן אַרבעטן ביז 9 אַזייגער באַנאַכט, און מיר ווילן ניט. מיר זאָגן, אַז אויב מיר וועלן אַרבעטן ביז 9 אַזייגער באַנאַכט, וועלן מיר קראַנק ווערן פון דער שווערער אַרבעט.

— אויב אַזוי — מאַכט די מאַמע — לאָמיר זשע אָפּעסן וועטשערע און זיך לייגן שלאָפן, וועל איך מיט דיר מאָרגן גיין צום שאַפּ און דיר העלפן סטרייקן.

— איך וועל דיר אויך העלפן סטרייקן — רופט זיך אָן מוליק.

— און איך — זאָגט ריפקעלע.

— האַוו, האַוו — מישט זיך אויך אַריין לאַבזיק.

גיט דער טאַטע בערל אַ קוק אויף לאַבזיקן און מאַכט:

— יאָ, אַלץ איז רעכט, אָבער וואָס וועלן מיר טאָן מיט לאַבזיקן, ער וועט דאָך אויך וועלן גיין ?

— ניט געזאָרגט — ענטפערט די מאַמע — מיר וועלן אים צו־בינדן מיטן שטריקעלע צום בעט.

און קעדיי זי זאָל ניט פאַרגעסן, נעמט זי אַרויס פון טיש־קעסטל דאָס שטריקעלע און לייגט דאָס פון אויבן אויפן טיש.

אַז לאַבזיק האָט דערזען דאָס שטריקעלע, איז ער געוואָרן אַ פאַר־ציטערטער. ער האָט שוין געוואוסט פון פריער, אַז דאָס שטריקעלע מיינט שטענדיק אים. האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט קעגן שטריקעלע און אָנגעהויבן צו האַווקען אויף דעם. האָבן אַלע אין הויז געלאַכט, וואָס ער האַווקעט קעגן שטריקעלע.

דערוויייל האָבן זיך אַלע געלייגט שלאָפן, לאַבזיק אויך. כאַלעמט זיך אים אַ לאַנגע מייסע. ווי מוישל דער בויסקאַוט לויפט אים נאָך

מיט אַ שטריקל און ער אַנטלויפט און אַנטלויפט. אַזוי לויפט ער איין שאָ, אַזוי לויפט ער צוויי שאָ, און מוישל נאָך אים, נאָך אים. כאַפּט ער אַ לעקסינגטאָן עוועניו עקספּרעס און פאָרט און פאָרט אַזוי אַ גאַנצע נאַכט. אָבער פּלוצלונג דערפילט ער ווי ס׳וואַרגט אים. הייבט ער זיך אָן צו רייסן. כאַפּט ער זיך אויף, איז שוין פאַרטאָג. דאָס שטריקל איז שוין טאַקע אַף זיין האַלדז, ער איז צוגעבונדן צום בעט, און אַלע גייען אַרוים פון שטוב. הייבט ער זיך אָן צו רייסן. הייבט אָן צו וויינען. אָבער אָט פאַרשליסט מען די טיר, אָט הערט ער, ווי אַלע גייען אַראָפּ די טרעפּ. באַקומט ער אַ גרויס ראַכמאָנעס אַף זיך אַליין, וואָס ער מוז נעבעך זיין צוגעבונדן מיטן שטריק צום בעט און ער צעוויינט זיך ווי אַ קליין קינד:

— אי, אי, אי.

די גאַס איז נאָך געווען ליידיק, און אַזוי זיינען בערל, מאַלי, מוליק און ריפקע געגאַנגען אין דער פינצטער צו דזשעקסאָן עוועניו סטיישאָן. זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען די טרעפּ, אַריינגעוואָרפן די ניקלס און אַרויף אַף דער ליידיקער פּלאַטפאָרמע.

פאַרטאָג לויפן ניט אַזוי אָפט קיין באַנען. האָבן זיי שפּאַצירט אַהין און צוריק איבער דער לאַנגער פּלאַטפאָרמע, גערעדט וועגן סטרייק און זיך אַלעמאָל איינגעקוקט אין דער וויטנס צי עס לויפט ניט קיין עקספּרעס.

און אָט האָט אָנגעהויבן צו הודיען פונדערווייטנס. רעדער האָבן אָנגעהויבן צו קלאַפּן גיך, גיך: טראַך, טראַך, טראַך און ס׳האָט אָנגעהויבן צו לויפן די באַן מיט צוויי גרויסע אויגן. איין אויג אַ רויטס, איין אויג אַ גרינס. די טירן האָבן זיך געגעבן אַן עפן מיטאַמאָל און מען לאָזט זיך שוין אַריינגיין. מען טוט אַ קוק, אַהאַ — ער איז דאָ! ווער איז דאָ? פאַרשטייט זיך, ניט קיין אַנדערער ווי לאַבזיק.

יאָ, ער איז דאָ. און אַ פּיצל אָפּגעריסן שטריקל הענגט נאָך אַף זיין האַלדז. ער האָט דאָס, ווייזט אויס, צעביסן מיט זיינע שאַרפע ציינדלעך און איצטער שטייט ער אין וואַגאָן און האָט נאָך טרערן אין די אויגן, אָבער איז צופרידן אַ גוואַלד. און די באַן לויפט גיך, גיך. און לאַבזיק שפּרינגט פון ריפקעלען צו מוליקן, פון מוליקן צו בערלען, פון בערלען צו דער מאַמע מאַלי. לעקט זיי אַלעמען די פינגער און ווייסט גאָרניט וואָס צו טאָן פון גרויס פרייד.

וואָס עס איז ווייטער געשען מיטן סטרייק וועלן מיר אויסגעפינען אין צווייטן מייסעלע.

צווייט מייסעלע

נו, פאַרט לאַבזיק אויך אין סאַבוויי. האָט אים ריפקעלע גענומען אַף די הענט, זיך געזעצט אַף דער שטרויענער באַנק און געשמועסט מיט אים. זי האָט צו אים אַ מאָל געטאָן:

— לאַבזיק, ביסט אַ שלעכטער אינגל.

אַף דעם האָט לאַבזיק געענטפערט מיט אַ דריי פון זיין ווײדעלע.

דערנאָכדעם האָט זי אים געפרעגט:

— לאַבזיק, דו ווייסט כאָטש, וואָס הייסט אַ סטרייק?

אַף דערויף האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיט די אויערן. ס׳הייסט, אַז ער פאַרשטייט יאָ, וואָס עס הייסט אַ סטרייק. ווייסט דאָך ריפקעלע, אַז ער איז אַ גרויסער ליגנער און פאַרשטייט ניט, וואָס עס הייסט אַ סטרייק גיט זי אים צו פאַרשטיין:

— אַ סטרייק — מאַכט זי — איז אַזאַ זאַך, ווען די אַרבעטער ווילן מערער ניט אַרבעטן, ביז דער באָס וועט זיין גוט צו זיי. פאַר־שטייסט?

אַף דערויף האָט לאַבזיק פאַרמאַכט איין אייגעלע און דאָס צווייטע געלאָזט אָפן.

אַזוי שמועסנדיק, זיינען זיי אָנגעקומען דאַון טאַון צו דער 34סטער גאַס. זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן, איז שוין ניט געווען פינצטער. ס׳איז געווען די זון, און די הייזער זיינען געווען ווי מיט גאָלד. אַף די גאַסן האָבן זיך געאײלט אַ סאָך מענטשן צו דער אַרבעט.

אַז די גאַנצע פאַמיליע איז אָנגעקומען צום שאָפּ, וואו בערל האָט געאַרבעט, האָבן זיי דאָרטן געטראָפן אַ סאָך אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער דער גאַס מיט גרויסע פּאַפּירן. אַף די פּאַפּירן איז געווען אָנגעשריבן: מיר ווילן ניט אַרבעטן ביז 9 אַזייגער באַ־נאַכט. מיר ווילן קומען אַהיים פאַרפרי און זיך שפּילן מיט אונדזערע קינדערלעך.

די אַרבעטער האָבן זיך געגריסט פון אַלע זייטן און געזאָגט:

— אַ גוט מאָרגן דיר, בערל דער אָפּרייטער. געקומען מיטן ווייב און קינדער פּיקעטן?

— אַ גוט מאָרגן אייך, כאַווייירים — ענטפֿערט בערל גוטמוטיק.

— ניט נאָר מיט דער פֿאַמיליע, נאָר אויך געבראַכט מיין הינטעלע לאַבזיקן, ער וועט אויך פּיקעטן דעם שאָפּ.

— כאַ, כאַ — צעלאַכן זיך די אַרבעטער — אַ הינטעלע וועט פּיקעטן דעם שאָפּ. גיי שוין, גיי.

לאַבזיק האָט ניט געוואוסט, אַז מען לאַכט פֿון אים. ער איז געווען דערוויל פֿאַרנומען אין אַרומקוקן די גאַס, צו זען אויב ער קען עפּעס אויפֿטאָן. און ער האָט טאַקע גלייך דערזען אַ פּאָליסמאַן אַ בייזן מיט אַ קלאַב, וואָס איז געשטאַנען אַף דער צווייטער זייט גאַס. האָט ער זיך באַלד דערמאָנט אָן יענעם פּאָליסמאַן לעבן דזשעקסאָן עוועניו סטיישאָן, און ער האָט זיך גלייך געוואָרפֿן אַף אים מיט גרויס קאַעס. די אַרבעטער האָבן אים קוים אָפּגעריסן פֿון אים.

מען האָט געזונגען „אָן דהי ליין, אָן דהי ליין" און מען האָט געפּיקעט דעם שאָפּ. עס זיינען געגאַנגען אין דער שורע די מאַמע מאַלי, מוליק, ריפֿקעלע און צולעצט לאַבזיק. בערל איז ניט געגאַנגען אין דער שורע, ער האָט עפּעס אַריינגעזאָגט זיין וויב מאַלין אין אויער, אַז קיינער זאָל ניט הערן, און איז אַריין דורך אַן אָפֿענער טיר אין געביידע אַריין. קיינער האָט טאַקע ניט געזען, אָבער לאַבזיק יאָ. וואָדען, ער וועט ניט דערזען? און ער איז גלייך אַריין אין דער־זעלבער טיר נאָך בערלען.

גייט בערל אַף די טרעפּ, אַף די טרעפּ. און לאַבזיק נאָך אים, נאָך אים. גייט בערל פֿון צווייטן שטאָק אַפֿן דריטן שטאָק, אַפֿן פֿערטן שטאָק. און לאַבזיק נאָך אים, נאָך אים. גייט בערל פֿון פֿערטן שטאָק אַפֿן פֿינפֿטן, פֿון פֿינפֿטן אַפֿן זעקסטן, אַפֿן זעקסטן, און לאַבזיק נאָך אים, נאָך אים. גייט בערל פֿון זעקסטן שטאָק אַפֿן זיבעטן, פֿון זיבעטן אַפֿן אַכטן, און אַזוי ביזן 18טן, ביזן 18טן שטאָק, און ס'הינטעלע נאָך אים, נאָך אים.

אַפֿן 18טן שטאָק האָט זיך בערל אָפּגעשטעלט, זיך אויסגע־אָטעמט: הא, הא. אַן עפּן געטאָן שטיל די טיר, די טיר, לאַבזיק נאָך אים, נאָך אים.

דאָרטן איז געווען דער שאָפּ, וואו בערל האָט געאַרבעט. 8 מענער, וואָס האָבן ניט געוואָלט אַראָפּגיין אין סטרייק, זיינען נאָך דאָרטן געזעסן און גענייט באַ די מאַשינען. אַז בערל איז אַריין, האָבן אַלע אויפֿגעהויבן די קעפּ און בערל טוט אַ זאָג צו זיי:

— קומט אַראָפּ, לאָמיר סטרייקן, ווייל אַז מיר וועלן אַלע סטרייקן, וועט דער שאָפּ בלייבן ליידיק, און אַז ער וועט בלייבן ליידיק, וועט דער באָס זען, אַז ס'איז ניט גוט, וועט ער ווערן בעסער צו אונז.

אָבער פאַרוואָס מאַכט צו אים איינער פון די 8 אַרבעטער מיט דער האַנט? וואָס מיינט יענער? יענער מיינט, אַז בערל זאָל זיך אומקוקן, ווייל מען גייט אים שלעכטס טאָן. בערל אָבער פאַרשטייט ניט און קוקט זיך ניט אום, און זעט ניט, ווי דער באָס מיט צוויי גענגסטערס לויפן צו צו אים מיט אַ שטריק פון הינטן אַרומעט. גיט לאַבזיק אַ שפּרונג אַרויף אַף זיי מיט זיינע שאַרפע צייינדלעך, אָבער ער כאַפּט אַ שווערן בריקע אין קאָפּ און כאַלעשט אַוועק.

ווי לאַנג לאַבזיק איז אַזוי געלעגן אַ געכאַלעשטער, ווייסט ער ניט. אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט אים דער קאָפּ שטאַרק וויי געטאָן. ער איז געלעגן אַף די טרעפּ און גאָרניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי קומט ער אַהער. דערמאָנט ער זיך צוביסלעך און שפּרינגט אויף ווי אַן אָפּגעבריטער, ווייל וואו איז בערל? וואו איז ער?

לאַבזיק שמעקט די טרעפּ. ער שמעקט און לויפט אַרויף, אַרויף, אַרויף פון 18טן שטאָק ביזן 19טן, פון 19טן ביזן 20סטן און אַזוי אַלע 30 שטאָק, ביז ער קומט אַרויס אַפן דאַך, וואָס איז פול מיט דער ליכטיקער זון. לאַבזיק וואָלט זיך עפּשער אָפּגעשטעלט קוקן, ווי שיין ניו־יאָרק קוקט אויס פון אַ הויכן דאַך, אָבער ער האָט בילכערס איינזינען. וואו איז בערל? שמעקט ער דעם דאַך, שמעקט און שמעקט ביז ער טרעפט עפּעס אַ קליין שטיבעלע מיט אַ פאַרשלאָסענער טיר. גראַבלט ער די טיר מיט די נעגל און קאַוואַטשעט. ער ווייסט שוין, אַז דאָרטן ליגט בערל, ווייל ער הערט פון דאָרטן, ווי יענער זיפצט. אָבער וואָס וועט אַרויסקומען אַז ער וועט גראַבלען די טיר, אַז די טיר איז אַזוי שטאַרק פאַרשלאָסן? גיט לאַבזיק זיך אַ פאַרטראַכט און גיט זיך טייקעף אַ דריי אויס און גיט זיך אַ יאָג איבער אַלע טרעפּ פון די 30 שטאָק, אַראָפּ, אַראָפּ.

מוליק דערזעט לאַבזיקן אַנלויפן. לאַבזיק שפּרינגט צו און ער רייסט אים באַ די הויזן, גיך גיך, און דרייט זיך אַלעמאָל אויס צו דעם אַריינגאַנג פון מויער. ס'הינטעלע רייסט אויך די מאַמע מאַלין באַם קליידל און ריפּקעלען. פאַלט טייקעף איין דער מאַמע מאַלין, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט. רופט זי אַלע סטרייקער מיטצוגיין נאָך לאַבזיקן.

דער סאָף איז געווען, אַז מען איז אַלע נאָכגעגאַנגען דעם הינטעלע און ער האָט זיי געבראַכט צו דער פאַרשלאָסענער טיר. האָט מען די טיר אויפגעבראָכן, און דערזען בערלען ליגן אַ געבונדענעם. האָט מען בערלען גלייך אָפּגעבונדן און לאַבזיק איז געווען אַזוי פריילעך, וואָס מען האָט בערלען אָפּגעבונדן. אָבער בערל איז געווען נאָך פריילעכער, וואָס מען האָט אים אָפּגעבונדן. אַלע סטרייקער זיינען געגאַנגען צוריק אין שאַפּ און שוין קיין מורא געהאַט פאַרן באָס, ווייל זיי זיינען געווען אַזוי פיל. מען האָט אַראָפּגענומען אין סטרייק די איבעריקע 8 אַרבעטער. מען איז אַלע געגאַנגען אַראָפּ, מאַרשירט איבער דער גאַס אַהין און צוריק און געזונגען:



— „אַן די ליין, אַן די ליין, קאָם ענד פּיקעט אַן די פּיקעט ליין."

ס'הינטעלע מיט די ווייסע אויערן איז, פאַרשטייט זיך, געגאַנגען פאָרויס, ווי אַ גרויסער העלד, און געמיינט אַז אַלע קוקן אויף אים, אַז אַלע זאָגן: „וואָס פאַר אַ וואוילער לאַבזיק ער איז. גאָר ניט אָפּ־צושאַצן."

לאַבזיק און דאָס רייכע הינטל

— אַ קאַפּאַרע, וואָס איז געוואָרן מיט לאַבזיקן? — האָט איינמאָל אַן אָוונט געפרעגט בערל דער אַפּרייטער.

— האָסטו געזען — רופט זיך אָן די מאַמע מאַלי — ער ווערט פאַרפאַלן אַף גאַנצענע טעג און גאַנצענע נעכט. וואו זאָל ער זיין?

— טאַקע, טאַקע — רופט זיך אָן ריפקעלע — וואו קען ער זיין די גאַנצע צייט?

— איך בין איינמאָל אים נאָכגעגאַנגען — מאַכט מוליק — אָבער ער האָט זיך אויסגעדרייט פון אונטער די הענט און אַנטלאָפן.

— אָבער פאַרט, ווי לאָזט מען דאָס אַ הינטעלע אוועקגיין אַף גאַנצענע טעג און ניט וויסן וואָס און ווען? — בייזערט זיך בערל אַף זיין ווייב מאַלין.

— וואָס ביסטו בייז אַף מיר? — וויל ניט ליידן די מאַמע מאַלי — אויב דו בענקסט אַזוי נאָך דעם, קענסטו דאָס גיין זוכן. האָסטו געזען? ער בייזערט זיך גאָר.

— וואָס זשע מיינסטו, מיין טייערע ווייב מאַלי — איז דער אַפּרייטער נאָך אַלץ בייז — איך גיי דאָס טאַקע זוכן.

און ער הויבט זיך גלייך אויף פון בענקל, טוט אָן דעם מאַנטל און לאָזט זיך צו דער טיר.

— מעשוגע, מיינע סאָנים — שרייט אוים די ווייב מאַלי — גייסט טאַקע אים זוכן?

— יאָ, איך גיי — ענטפערט בערל און וויל זיך ניט אומקוקן אַף איר.

— אויב אַזוי, גיי איך אויך — רופט זיך אָן די מאַמע מאַלי, און כאַפּט און טוט אויך אָן איר מאַנטל.

— און איך אויך — רופט זיך אָן ריפקעלע.

— און איך — מאַכט מוליק.

גייט שוין די גאַנצע פאַמיליע איבער דזשעקסאָן עוועניו זוכן לאַבזיקן. קוקט מען אין אַלע זייטן, רופט מען אַלעמאָל:

— לאַבזיק, לאַבזיק.

אָבער — אַ נעכטיקער טאָג, לאַבזיק איז ניטאָ. פאַלט איין ריפקעלען אַ געדאַנק, אַז מען זאָל אים גיין זוכן אין פּאַרקל, וואָס לעבן איגל סטריט. לאָזט מען זיך אַלע אין פּאַרקל. זיינען די בענקלעך ליידיק. די ביימער זיינען נאַקעט און קאַלט, ווייל ס׳איז ווינטער. די עלעקטרישע לאָמפּן ברענען זיך איינע אַליין, אָן קיינעם. ליידיק און פּוסט.

שפּאַנט מען איבערן פּאַרק אין דער לענג און אין דער ברייט — ניטאָ.

פּלוצלונג מען גיט אַ קוק, דאָרטן וואו דער פּאַרק ענדיקט זיך, אַנטקעגן שטייט אַ רייך שיין הויז מיט ליכטיקע פענצטער. און אַנט־קעגן הויז שטייט זיך לאַבזיק מיט אַ פאַריסן קעפּל און קוקט צו די ליכטיקע פענצטער. ווייל שוין ריפקעלע אויסשרייען: — לאַבזיק.

פאַרשטעלט איר בערל ס׳מויל און זאָגט:

— אַ קאַפּאָרע, שוויג, לאָמיר אומיסטנע זען, וואָס אַ שטייגער דאַרף ער דאָ האָבן.

פאַרהאַלטן זיי אַלע די אָטעמס. זעען זיי ווי לאַבזיק שטייט נאָך אַלץ מיטן פאַריסענעם קעפּל און קוקט, ביז ס׳באַווייזט זיך אויף אַ פענצטער אַ ווייס קליין הינטעלע מיט אַ רויט בענדעלע אויפן קאָפּ. ווי לאַבזיק האָט נאָר דערזען דאָס ווייסע הינטעלע מיטן רויטן בענדעלע אויפן קאָפּ, אַזוי באַלד האָט ער אָנגעהויבן פריילעך אונטערשפּרינגען און דרייען מיטן וויידעלע. אויפן פענצטער האָט דאָס ווייסע הינטעלע אויך פריילעך אונטערגעשפּרונגען און געדרייט מיטן וויידעלע.

נעמט בערל דער אַפּרייטער און צעלאַכט זיך. נעמט די מאַמע מאַלי און צעלאַכט זיך, נעמען ריפקעלע און מוליק און צעלאַכן זיך אויך. דרייט אוים לאַבזיק דאָס קעפּל, דערזעט ער ווי די גאַנצע פאַמיליע שטייט און לאַכט פון אים. פאַרשעמט ער זיך און אַנטלויפט.

אָבער אינדערהיים האָט מען אים געפונען אונטערן בעט. ער האָט זיך דאָרטן פאַרבאַהאַלטן. וויפיל מען האָט ניט גערעדט צו אים, האָט ניט געהאָלפן. ער האָט ניט געוואָלט אַרויסקריכן פון אונטערן בעט און זיי האָבן אַלע נאָך מערער געלאַכט און געלאַכט.

דאָס ווייסע הינטעלע מיטן רויטן בענדעלע אויפן קאָפּ האָט געהייסן טוצי. עס איז געווען זייער אַ קליינס. די האָר פון איר ווייס פעלכל זיינען געווען אַזוינע לאַנגע און געדיכטע, אַז מען האָט קוים אַרוים־געזען די אייגעלעך. באַגעגנט האָט ער טוצין איינמאָל אין אַ טאָג,

ווען לאַבזיק איז אַרומגעלאָפן איבערן פּאַרק אַהין און צוריק און געטרייסלט מיט די אויערלעך, גלאַט אַזוי געטרייסלט מיט די אויערלעך. מיטאַמאָל דערזעט ער, ווי עס גייט אַ רייכע פרוי, אָנגעטאָן אין די שענסטע קליידער, און פירט אַף אַ בלוי שטריקעלע דאָס ווייסע הינטעלע.

איז צום אַלעם ערשטן האָט לאַבזיקן פאַרדראָסן. האָט ער אָנגעהויבן צו האַווקען. אָבער די פרוי האָט טייקעף גענומען איר הינטעלע אַף די הענט און אַ זאָג געטאָן:

— טוצי, לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען. עפּעס אַן אָרעם הינטעלע פון דער גאַס טשעפּעט זיך צו אונדז.

האָט לאַבזיק ניט פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס זי האָט געזאָגט, אָבער איין זאַך האָט ער יאָ פאַרשטאַנען, אַז די רייכע פרוי האָט וועגן אים געזאָגט ניט קיין שיינע ווערטער. איז ער איר נאָכגעלאָפן ביזן הויז און בייז געהאַווקעט אַף איר. און טוצי מיט איר פּענימל אויסגעדרייט צום האַווקענדיקן לאַבזיקן האָט געקוקט אַף אים און איז געווען דערשראָקן.

שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג, האָט ער טוצין ווידער געזען אין דעמזעלביקן פּאַרקל. די רייכע פרוי איז געזעסן אַף אַ בענקל און געלייענט אַ בוך. האָט לאַבזיק צום אַלעם ערשטן געגעבן אַ פּאָר האַווקע גלאַט אַזוי. דערנאָכדעם אָנגעהויבן דרייען מיטן ווידעלע און שאָקלען מיט די אויערן. איז טוצין ווייזט אוים זייער געווען געפעלן, וואָס ער שאָקלט מיט די אויערן און דרייט מיטן ווידעלע, איז זי צוגעגאַנגען צו אים. ווייזט אוים, אַז לאַבזיק איז איר געפעלן. האָבן זיי ביידע זיך גענומען שפּילן, זיך קוליען אַף דער ערד, נאָכלויפן איינער דעם אַנדערן, און ס׳איז זיי געווען גוט ווי די וועלט.

אָבער פּלוצלונג הייבט אויף די רייכע פרוי איר קאָפּ פון בוך. וואָלט איר אומיסטנע באַדאַרפט זען, וואָס פּאַר אַ פּאָנעם ס׳איז בא איר געוואָרן. זי האָט טייקעף אַ געשריי געטאָן:

— טוצי, אַוועק. מיט דעם שמוציקן אָרעמען הינטעלע שפּילסטו זיך? פע, שעמען מעגסטו זיך.

און זי האָט באַלד אַ כאַפּ געטאָן איר הינטעלע.

— וועמעס איז דאָס דאָזיקע שמוציקע הינטעלע? — האָט די רייכע פרוי אַ פרעג געטאָן בא אַ צווייטער פרוי, וואָס איז געזעסן אַף דער זעלבער באַנק.

— אָ, — האָט יענע געענטפערט — דאָס איז בערל דעם אָפּ־רייטערס הינטעלע.

די רייכע פרוי האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים מיט טוצין. האָט טוצין זייער באַנג געטאָן, וואָס מען האָט זי צוגענומען פון איר נייעם כאַווער, און זי האָט געהאַלטן איר קעפּל אויסגעדרייט און געקוקט אַף לאַבזיקן מיט טרויעריקע אייגעלעך.

פון זינט דעמאָלט אָן איז שוין לאַבזיק ניט אָפּגעטראָטן פון דעם רייכן הויז און ווען טוצי האָט זיך געקענט אַרויסגאַנווענען, זיינען זיי ביידע אַוועק אין פּאַרק און זיך זייער געפרייט איינער מיטן אַנדערן.

איינמאָל אין אַן אָוונט, בערל מיט זיין פאַמיליע זיצט אַרום טיש און עסן וועטשערע, פּלוצלונג הערט מען אַ גראַבלען אין טיר. עפנט מען אויף די טיר און לאַבזיק קומט אַריין. אָבער ניט אַליין, ער פירט מיט זיך אויך זיין כאַווערטע טוצי. ער האָט זי, ווייזט אויס, איינ־געלאַדן צו זיך אין הויז אַריין. האָט בערל זיך אַזוי צעלאַכט פון דעם, און מאַלי, און מוליק, און ריפקע.

דערנאָכדעם האָט אים די מאַמע מאַלי געגעבן זיין כיילעק וועטשערע: אַ פּאָרביינדלעך אין אַ טעלער. האָט לאַבזיק אויך איינגעלאַדן זיין כאַווערטע טוצי צו זיין וועטשערע און זיי האָבן צוזאַמען גוט אויסגעלעקט און דורכגעקייט יעדעס ביינדעלע.

דערנאָכדעם האָבן זיי זיך ביידע געשפּילט. ער האָט זי געביסן אין אויער און זי האָט אים געביסן אין אויער. ער האָט זי אומגעוואָרפן אַף דער ערד און זי האָט אים אומגעוואָרפן אַף דער ערד. ער איז געלאָפן און געלאָפן, און זי איז אים נאָכגעלאָפן, נאָכגעלאָפן. דער־נאָכדעם איז טוצי געלאָפן, געלאָפן און ער איז איר נאָכגעלאָפן, נאָכ־געלאָפן.

און אַזוי האָבן זיי זיך געשפּילט זייער פריילעך, ביז מען דער־הערט אַ בייזן קלאַפּ אין דער טיר. ווערט לאַבזיק שטיל, שטיל, און טוצי ווערט שטיל, שטיל. עפנט זיך די טיר, קומט אַריין די רייכע פרוי און הייבט זיך גלייך אָן צו זידלען און צו שעלטן.

— איר אַזוינע און אַזוינע, מיט אייער שמוציק הינטעלע, וואָס האָט איר פאַרנאַרט מיין טוצין צו אייך אין הויז אַריין, קאַבצאָנים וואָס איר זייט.

ענטפערט בערל:

— הער זשע אוים, דו רייכע גאַרנישטקע, דו פֿאַרנעמסט זיך פֿון דאַנען, אַז ניט פֿליסטו באַ מיר פֿון די טרעפּ.

כאַפּט די רייכע פֿרוי טוצין, גיט אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט דער טיר און לויפֿט אַוועק.

האָט לאַביזיק זיך גאָרניט געקענט טרייסטן. טוצין שוין מערער ניט געזען. אָפּגעשטאַנען פֿאַרן רייכן הויז גאַנצענע טעג און גאָרנישט. און טאָמער איז דאָס נאָך ווינציק, האָט אים די רייכע פֿרוי איינמאָל אָפּגעגאָסן מיט אַ שיסל הייסע וואַסער. האָט לאַביזיק געקוויטשעט איבער דער גאַנצער גאַס. און אַזוי האָט לאַביזיק אָנגעוואוירן אַזאַ גוטן פֿריינט.

לאַביק און דער דאָקטער

ס'איז פאַרנאַכט. די זון פאַרגייט אַפן קיך־פענצטער. די מאַמע מאַלי קאָכט ניט קיין וועטשערע. ריפקע טוט אַלע מאָל אַ הוסט און לאַביק טוט אַלעמאָל אַ האַווקע. מוליק לייענט אַ ביכל און איז שטיל, אַזוי שטיל, אַז לאַביק האָט אַזש מוירע. די מאַמע מאַלי זיצט אַפן בענקל מיט פאַרבראָכענע הענט, זי איז אויך שטיל.

אַלע זיינען דאָ אומעטיק אין הויז און לאַביקן פאַרקלעמט באַם האַרצן. ער האָט פיינט אַז עס איז אומעטיק. און ער ווייסט ניט פאַר־וואָס מען איז דאָ אומעטיק אין הויז. עפשער אַז בערל דער אַפּ־רייטער וועט קומען מיט די לאַכנדיקע אויגן, וועט שוין ווערן בעסער. שפּרינגט דאָס הינטעלע אַרויף אַפן בענקל, לייגט דאָס קעפּעלע אַף די פאָדערשטע לאַפּקעס און פאַרמאַכט די אויגן. מיינען אַלע אַז ער שלאָפט אָבער ער שלאָפט ניט. דאָס האָט ער אומיסטנע פאַר־מאַכט די אויגן קעדיי זיינע אויערן זאָלן בעסער הערן. זיינע אויערן הויבן זיך אויף און הערן זיך גוט איין וואָס עס טוט זיך אַף די טרעפּ.

אָט הערט זיך טאַקע: קליפּ—קלאַפּ, קליפּ—קלאַפּ, קליפּ—קלאַפּ, און לאַביק וועדט פריילעך: דאָס גייט שוין בערל דער אַפּרייטער. לאַביק שפּרינגט אַראָפּ פונעם בענקל, ער לויפט צו דער טיר, ער ברומט פון פאַרגעניגן: אָט וועט שוין מער ניט זיין אומעטיק.

לאַביק האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן טאָעס דאָס מאָל. בערל דער אַפּרייטער איז אַריין אין הויז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ניט געזאָגט פריילעך ווי אַלעמאָל: אַ גוטן אָוונט דיר, מיין ווייב מאַלי; אַ גוטן אָוונט אייך, מיינע קינדער, מוליק און ריפקעלע, און אַ גוטן אָוונט דיר אויך, הינטעלע לאַביק.

ניין, ער האָט אַזוי ניט געזאָגט. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן טיש און איז געבליבן שטיל, שטיל.

לאַביק האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַזוי אומעטיק און שטיל אין שטוב, ווייל בערל דער אַפּרייטער האָט ניט קיין אַרבעט, און ער פאַרדינט ניט קיין געלט, און מען קאָכט ניט קיין וועטשערע. אַזוי ווי מען שווייגט און מען שווייגט רופט זיך אָנעט די מאַמע מאַלי:

— מאָרגן גיי איך זוכן אַרבעט, עפשער וועל איך געפינען.

— ווּעסט ניט געפינען — ענטפערט איר בערל דער אַפּרייטער — אַז איך קען ניט געפינען, און טויזנטער אַרבעטער ווי איך געפינען ניט.

— איך וועל יאָ געפינען — מאַכט די מאַמע מאַלי — די איינציקע צאָרע איז: וואָס וועל איך טאָן מיט ריפקעלען? זי הוסט שטאַרק. סיידן זי איבערלאָזן אַפן האָווקער.

נו, לייגט מען זיך אַלע שלאָפן הונגעריקע און מען שלאָפט אַזוי איבער די נאַכט. פאַרטאָג זעט לאַבזיק, ווי די מאַמע מאַלי טוט אָן דעם ראָק, און ווי בערל דער אַפּרייטער טוט אָן דעם ראָק, און ווי מוליק טוט אָן זיין רעקל און מען לאָזט זיך גיין צו דער טיר. אָבער איידער מען עפנט די טיר, רופט זיך אָן די מאַמע מאַלי צום הינטעלע:

— הערסט, לאַבזיק, אויב דו פאַרשטייסט, וואָס איך רעד. איך מיט בערלען גייען מיר זוכן אַרבעט, מוליק גייט אין שול, אָבער ריפקעלע הוסט, זי איז קראַנק, דאַרפסטו ניט אָפּטרעטן פון איר בעט, און אַכטונג געבן אַף איר.

גייען זיי אַלע אַוועק, ווערט שטיל אין הויז, און לאַבזיק הויבט ערשט איצטער אָן צו פאַרשטיין, וואָס מען האָט געוואָלט פון אים. ריפקעלע ליגט אין בעטל און אַלעמאָל גיט זי אַ הוסט, אַזוי מיט אַ כריפּ. העלפט איר דאָס הינטעלע הוסטן און מאַכט: האָוו, האָוו, האָוו.

גייט אַזוי אַוועק איין שאָ, גייט אַוועק צוויי שאָ. פּלוצלונג גיט זיך ריפקעלע אַ כאַפּ באַם האַלדז און טוט קוים אַ זאָג:

— אוי לאַבזיק, ס'איז מיר שלעכט, איך שטאַרב.

ווייסט ניט דאָס הינטעלע וואָס זי האָט געזאָגט, אָבער ער פאַר־שטייט פון דעם ווי זי האָט זיך געכאַפּט באַם האַלדז, אַז ס'איז איר זייער ניט גוט. אירע אויגן ריפקעלעס ווערן אַזוינע גרויסע און איצטער וויל זי שוין אַ הוסט טאָן, אָבער זי קען ניט, עס שטיקט זי.

דערשרעקט ער זיך שטאַרק, לאַבזיק, און הייבט אָן צו וויינען:

— וואו, וואו, וואו.

אָבער פון זיין וויינען ווערט איר ניט בעסער. זי קען קוים אָטעמען. לויפט דאָס הינטעלע אַרוים אַף די טרעפּ, שפּרינגט פון טיר צו טיר, און רייסט די טירן פון די שכיינים, אָבער אַלע טירן זיינען פאַרשלאָסן. ניטאָ קיינער אין הויז. אַלע זיינען אַוועק, ווער אַף דער אַרבעט, ווער זוכן אַרבעט.

מאַכט לאַבזיק ווידער אַמאָל: — וואו, וואו, וואו.

אָבער פון וויינען קומט נאָך אַלץ גאָרניט אַרוים. ריפקע ליגט

מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, און קוים, קוים זי אָטעמט. גיט לאַבזיק אַ לויף אַרויס אין דרויסן, און ער גיט זיך אַ לאָז צו אַ הויז מיט אַ גרינעם גאַניק. פֿאַרוואָס האָט ער זיך געלאָזט גראַדע צום הויז מיט דעם גרינעם גאַניק? ער האָט זיך געלאָזט אַהין, ווייל ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז אַלעמאָל ווען אימיצער אין הויז איז קראַנק געוואָרן, פֿלעגט די מאַמע מאַלי גיין אַהין, און ברענגען אַ מאַן מיט ברילן און מיט אַ רענצעלע. לויפֿט ער צו צום הויז מיטן גרינעם גאַניק, און אין דער מינוט גייט טאַקע אַרויס דער מאַן מיט די ברילן און מיטן רענצעלע אין האַנט. שפּרינגט אַף אים אַרויף לאַבזיק און הייבט אים אָן צו לעקן. פֿאַרשטייט ניט דער מאַן מיט די ברילן, וואָס דאָס איז, און טרייבט אים אַוועק און לאָזט זיך גיין אַף אַן אַנדער זייט, צו אַן אַנדער קראַנקן. לויפֿט אָבער לאַבזיק אים אַנטקעגן, בייסט אים אין די שיך און לאָזט אים ניט גיין. שטעלט זיך יענער אָפּ, גיט אַ שפּיי און מאַכט:

— מיינע צאָרעס צו דעם הינטעלעס קאָפּ! אַ מעשוגן הינטעלע, ווייזט אוים.

און ער לאָזט זיך ווייטער גיין. כאַפּט אים אָן לאַבזיק באַם מאַנטל און ציט אים אַף צוריק. ווערט שוין יענער גוט אין קאַעס, און גיט אים אַ בריקע מיטן פוס. טוט לאַבזיקן זייער ווי פֿון דעם בריקע מיטן פוס, אָבער דעם מאַנטל לאָזט ער ניט אַרויס פֿון זיינע ציין.

שטעלט זיך שוין דער מאַן מיטן מאַנטל אָפּ און טראַכט: וואָס

זאָל דאָס מיינען? און עפּשער מיינט דאָס עפּעס. לאָמיך נאָר זען וואוהין שלעפּט מיך דאָס הינטעלע.

קערעוועט ער זיך אויס, דער מאַן מיט די ברילן, לאָזט לאַבזיק אַרויס דעם מאַנטל, נעמט יענער און גיט זיך ווייטער אַ דריי אויס צו אַן אַנדער גאַס, כאַפּט דאָס הינטעלע ווידער אַן דעם מאַנטל אין די ציין.

דרייט זיך שוין יענער מיט די ברילן נאָכאַמאָל אויס און לאָזט זיך גיין נאָכן הינטעלע. לאַבזיק לויפט פאָרויס און זיינע קלוגע אייגעלעך רוען ניט. ער היט דעם מאַן, אַז יענער זאָל ניט אַנטלויפן. און אַזוי קומען זיי אָן צום הויז. און אַזוי גייען זיי מיט די טרעפּ אַרויף, ביז לאַבזיק שטעלט זיך אָפּ בײַ אַ טיר. און אַזוי עפנט דער מאַן די טיר, און אַזוי גייט ער אַריין אין הויז, און זעט, ווי אַ מיידעלע ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגן און קען ניט אָטעמען.

פאַרשטייט זיך, אַז איך דאַרף אייך שוין ניט זאָגן, אַז דאָס איז געווען דער דאָקטער, און אַז ווײַבאַלד ער איז אַריינגעקומען האָט ער גלייך אויפגעקאָכט הייסע וואַסער, גלייך אַריינגעטאָן אַ מעדיצין אין וואַסער, און גלייך איינגעגעבן ריפקעלען און עס איז איר געוואָרן גרינגער און זי איז איינגעשלאָפן. זי איז איינגעשלאָפן. דער דאָקטער איז אַוועק. לאַבזיק איז אַרויפגעקראָכן אָף איר בעטל, געטראַכט אַ ווײַלע, געטראַכט און געקלערט און אויך איינגעשלאָפן.

פאַרנאַכט, אַז אַלע זיינען געקומען צוריק אין הויז האָט מען זיי ביידן געטראָפן שלאָפן. האָט שוין די מאַמע מאַלי געוואָלט זיך אַרויפוואַרפן אָף לאַבזיקן און אים זידלען, פאַרוואָס ער איז איינגעשלאָפן און בעסער ניט אַכטונג געגעבן אָף ריפקעלען. אָבער ריפקעלע האָט באַלד דערציילט די גאַנצע מייסע, האָט מען אים שוין ניט געזידלט, פאַרקערט — אים געלויבט, און אַלע זיינען געווען פריילעך, וואָס זיי פאַרמאָגן אַזאַ קלוג הינטעלע.

לאַבזיק און דער מעיאָר

I.

ס'איז געווען אַ שווערער ווינטער אין די בראָנקס. עס איז געווען קאַלט און מענטשן זיינען געווען הונגעריק. קיין אַרבעט איז טאַקע ניט געווען, ניט פאַר בערלען דעם אַפּרייטער און ניט פאַר דער מאַמע מאַלין. לאַבזיק האָט געהונגערט און האָט געשוויגן. אַ ברירע האָט ער געהאַט. וואָס וואָלט אים געהאָלפן, אַז ער זאָל געווען שרייען? מוליק און ריפקע האָבן עפּעס געגעסן אין סקול. איז דאָס הינטעלע געוואָרן אויסגעדאַרט, גאָרניט צו דערקענען: דאָס בייכעלע איז אים איינגעפאַלן, דאָס ווידעלע האָט ער שוין ניט געקענט האַלטן אין דער הויך, ווי פריער.

ניט נאָר באַ בערלען האָט מען געהונגערט, נאָר איבער גאַנץ בראָנקס. אַ סאַך, אַ סאַך פאַמיליעס האָבן ניט געהאַט וואָס צו עסן. האָבן איינמאָל אייניקע טאַטעס און מאַמעס פון די בראָנקס זיך צונויפגערעדט, מען זאָל גיין צום סיטי-האָל און מאָנען באַם מעיאָר ברויט אָדער אַרבעט.

גאַנץ פרי איז דאָס געווען. מען האָט געמאַכט רויטע פאָנען, מען האָט צוגעקלאַפּט צו שטעקנס גרויסע קאַרטאָנען. אַף די קאַר-טאָנען האָט מען אויפגעשריבן: „גיט אונדז אַרבעט, אָדער ברויט".

גראַד דעמאָלט האָט זיך לאַבזיקן ניט געגלוסט מיטגיין. ער איז געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט פון הונגער, אַז עס האָט זיך אים גאָרניט ניט געגלוסט. אָבער דאָך האָט ער זיך נאָכגעשלעפּט נאָך בערלען און מאַלין. און מען איז אַזוי אַלע הונגעריקע מענטשן געגאַנגען, ביז מען איז אָנגעקומען צום סיטי האָל.

פאַרשטייט זיך, אַז באַם סיטי האָל האָבן שוין געוואַרט פיל פּאָליסלייט צופוס און אַף פערד און געקוקט בייז אַף די הונגעריקע. דער סיטי האָל איז אַזאַ שיין הויז. שטייט אַף אַ הויך פּלאַץ מיט ברייטע, גרויסע, ווייסע טרעפּ און שיינע הויכע פענצטער און טירן.

דער מעיאָר האָט אָבער מוירע געהאַט אַרויסצוגיין צו די הונ-געריקע אַרבעטער, ווייל ער אַליין איז זאַט, האָט אַ סאַך געלט, און עס איז אים וואַרעם אינעווייניק אין סיטי האָל, וואָס-זשע וועט ער

אַרויסגיין אינדרויסן, אַז עס איז דאָרט קאַלט? שרייען אָבער די הונגעריקע אַרבעטער: מיר ווילן זען דעם מעיאָר! מיר ווילן זען דעם מעיאָר!

האָט שוין דער מעיאָר געמוזט אַרויסגיין. ער איז אַרויס אַזאַ פּאַרפּוצטער, מיט אַ דימענט אַף זיין שניפּס, מיט אַ גאָלדענעם רינג אַף אַ פינגער. ער איז אַרוים קלאַמערשט מיט אַ שמייכל, אַראָפּגענומען זיין שיינעם הוט און זייער ליבלעך זיך באַגריסט און געזאָגט:

— מיינע טייערע בירגער, איך האָב ראַכמאָנעס אַף אייך, וואָס איר זייט הונגעריק און עס איז אייך קאַלט. איך בין אייער מעיאָר, איר האָט מיך אויסגעקליבן, וועל איך שוין זען אַז איך זאָל אייך עפּעס געבן, איר זאָלט ניט זיין אַזוי הונגעריק. גייט אייך אַהיים, עס וועט שוין זיין גוט.

זיינען די הונגעריקע געוואָרן פריילעך, און אויסגעשריען עטלעכע מאָל:

— זאָל לעבן אונדזער מעיאָר פון ניו־יאָרק, זאָל ער לעבן.

דערנאָכדעם האָט מען זיך געלאָזט גיין צוריק צו די בראָנקס.

בערל דער אַפּרייטער איז אָבער ניט געווען פריילעך ווי די איבעריקע און האָט אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב מאַלין:

— אַ קאַפּאָרע, מיר דאַכט זיך, אַז דער מעיאָר איז אַ ליגנער.

לאַבזיק האָט אויך געוואוסט, אַז דער מעיאָר איז אַ ליגנער. אַ הינטעלע קען דיר דערקענען אַ ליגנער גיכער ווי אַנדערע. ס'איז אים ניט געפעלן געוואָרן דעם מעיאָרס היטל. עפּעס אַ היטל מיט אַ קנייטש אין מיטן. און דער מעיאָר האָט זייער שטאָלצירט מיט דעם היטל, דאָס אַלעמאָל געגלעט, אַ פיר געטאָן אַלעמאָל מיטן פינגער איבערן קנייטש, ס'זאָל זיין שיין.

דער עמעס איז, אַז דער מעיאָר האָט זיך זייער געגרויסט מיט זיין היטל. קיינער אין ניו־יאָרק האָט ניט געהאַט אַזאַ שיין היטל. ער האָט געמיינט, אַז צוליב דעם שיינעם היטל האָבן אים די מענטשן פון ניו־יאָרק אויסגעקליבן פאַר אַ מעיאָר. פאַרשטייט זיך, ווען מען לאָזט דאָס צו לאַבזיקן, אַז ער זאָל אויסקלייבן אַ מעיאָר, וואָלט ער אויסגעקליבן בערל דעם אַפּרייטער, ווייל בערל איז ניט קיין ליגנער.

II.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו אונזער מייסע.

די הונגעריקע זיינען אַוועק צוריק אין די בראָנקס. געוואַרט איין טאָג, געוואַרט צוויי טעג, דערנאָכדעם אַ גאַנצע וואָך, דערנאָכדעם גאַנצע צוויי. דער הונגער ווערט שטאַרקער, די קעלט גרעסער און דאָ פאַלט אַ שניי. אָבער דער מעיאָר מיטן שיינעם היטל טוט גאָרניט.

זיינען שוין געוואָרן בייז די אַרבעטלאָזע פון דער בראָנקס און מען האָט זיך ווידער צונויפגענומען אַלע צוזאַמען און מען האָט נאָך אַמאָל געשפּאַנט צום סיטי האָל. פאַרשטייט זיך, אַז לאַבזיק אויך צווישן זיי, אַ הונגעריקער, אַן אויסגעדאַרטער, אַ פאַרפרוירענער. וואַרטן שוין דאָס מאָל באַם סיטי האָל אויך גרויסע געזונטע פאָליס־לייט אָף פערד און צופוס, און נאָך מערער ווי פריער, און נאָך בייזער ווי פריער.

— מיר ווילן זען דעם מעיאָר — שרייען די הונגעריקע פון דער בראָנקס — ער האָט צוגעזאָגט אונדז העלפן! מיר ווילן אים זען!

גייט אַרויס צו זיי ניט דער מעיאָר, נאָר עפּעס אַן אַנדער מענטש. אויך אַ פאַרפוצטער און אַ זאַטער, און רופט זיך אָנעט:

— מיינע ליבע מענטשן, דער מעיאָר איז ניטאָ אין סיטי האָל. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אָלבאַני בעטן דעם גאָווערנאָר, ער זאָל עפּעס טאָן פאַר אייך. גייט אייך אַהיים און וואַרט ביז איר וועט עפּעס הערן.

דאָ ווערט שוין שרעקלעך בייז בערל דער אַפּרייטער, און עס ווערט אויך בייז זיין ווייב מאַלי און זיי הויבן אָן צו שרייען: מיר ווילן ניט וואַרטן, מיר ווילן ניט וואַרטן.

רופט זיך אָנעט דער מענטש פון סיטי האָל:

— וואָס קען איך אייך טאָן, אַז דער מעיאָר איז ניטאָ?

— עס איז אַ ליגן, ער איז יאָ דאָ — שרייען בערל און מאַלי. — קומט לאָמיר אַריינגיין אין סיטי האָל, וועלן מיר אים געפינען.

— קומט — שרייען שוין אַלע מענטשן — לאָמיר אַריינגיין אין סיטי האָל.

דאָ האָבן זיך אָבער די פאָליסלייט אַ לאָז געטאָן אָף די הונגעריקע מיט די קלאָבס און מיט די פערד. ווילן אָבער די הונגעריקע ניט אָפּ־טרעטן, שפאַרן זיי זיך צום סיטי האָל. די פאָליסלייט שטופן אָף צוריק.

לאַבזיק זעט ווי מען שטופט זיך, האָוקעט ער. ער זעט מען רייסט

זיך צום סיטי האָל, רייסט ער זיך אויך. און אַזוי ווי ער איז אַ קלייניקער איז ער דורך די פערד אַרויף אַף די טרעפּ און אַריין דורך דער אָפענער טיר אינעווייניק. איז דאָרט געווען אַזוי וואַרעם, און אַזוי וואויל. אָבער לאַבזיק שטעלט זיך ניט אָפּ. ער הערט ווי מען שרייט אין דרויסן:

— מיר ווילן זען דעם מעיאָר, מיר ווילן זען דעם מעיאָר.

גייט ער זוכן דעם מעיאָר. גייט פון צימער צו צימער — ניטאָ דער מעיאָר. קומט ער צום לעצטן צימער — אַהאַ, ער איז דאָ! טאַקע דער מעיאָר. זיצט זיך אַזוי רואיק און פיין. אַפן טיש שטייט אַ טעלער מיט אייז-קרים און ער מאַכט צו זיך אַליין: אַ, אַ, אַ מעכאַיע.

ווערט דאָס הינטעלע שרעקלעך בייז און הויבט אָן צו האַווקען. ס׳הייסט, ער האָט געמיינט מיט דעם, אַז דער מעיאָר זאָל אַרויסגיין צו די הונגעריקע, ווייל זיי וואַרטן אַף אים.

צעשמייכלט זיך דער מעיאָר. ער ווייסט ניט ווער דאָס הינטעלע איז, און וואָס ער וויל, און ער זאָגט אים:

— אָ, ביסט אַן אויסגעדאַרט הינטעלע, ביסטו.

דעם מעיאָרם היטל ליגט אַף אַ בענקל, אַזאַ שיין היטל, אַזאַ נייעם מיט דעם קנייטש אין מיטן. טראַכט לאַבזיק ניט קיין סאַך, גיט אַ כאַפּ דאָס היטל אין זיינע ציינדלעך און לאָזט זיך לויפן. גיט דער מעיאָר אַ געשריי:

— פּאַוואָליע, וועסט דאָס נאָך אויסשמירן.

אָבער לאַבזיק איז שוין ניטאָ. ער לויפט גיך, גיך, פון צימער צו צימער, ביז ער לויפט אַרויס אַף די טרעפּ. דערזעען די הונגעריקע לאַבזיקן מיטן מעיאָרס היטל. שרייען זיי אויס בייזע:

— איר זעט, איר זעט, דער מעיאָר אונדזערער איז אַ ליגנער, אַ ליגנער. — און מען כאַפּט דאָס היטל און מען לייגט דאָס אַרויף אַף אַ גרויסן שטעקן. בערל דער אַפּרייטער טראָגט דעם שטעקן אין דער הויך. און מען דרייט זיך אַרום און אַרום דעם סיטי האָל און מען האַלט אין איין שרייען:

— אַ ליגנער, אַ ליגנער, אונדזער מעיאָר אַ ליגנער.

דער סאָף איז געווען, אַז די פּאָליסלייט האָבן זיי צעטריבן, אָפּ־גענומען צוריק דאָס היטל, אָבער דערפאַר האָבן די הונגעריקע זיך שוין דערוואוסט, אַז מען דאַרף זיך אַף קיין רייכן מעיאָר ניט פאַרלאָזן, ווייל ער איז אַ ליגנער.

דער הונגער מאַרש

I.

לאַבזיק דערשמעקט דיר אָבער, אַז אין הויז גרייט מען זיך צו עפּעס. אים קען מען שוין ניט אָפּנאַרן. מען האָט זיך אַפּילו שטאַרק געהיט פאַר אים, אָבער ניט פאַר לאַבזיקן. ער האָט אַזוינע קלוגע אייגעלעך, וואָס רוען ניט אײן אַף קיין אָרט. זיי לויפן גיך, גיך, פון בערלען צו מאַלין, פון מאַלין צו ריפקעלען, פון ריפקעלען צו מוליקן. זיינע ווייסע אויערלעך זיינען אויפגעהויבן אין דער לופטן און זיי לאָזן ניט דורך קיין שום וואָרט. ער פאַרשטייט אַפּילו נאָך אַלץ ניט די מענטשלעכע שפּראַך, אָבער אייניקע ווערטער שטויסט ער זיך שוין אָן. אַלע זיינען געזעסן אַרום ווייסן בלעכענעם טיש אין קיך, מען איז געזעסן מיט אויסגעבויגענע קעפּ און מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער, און מען האָט זיך געשושקעט: שו, שו, שו.

לאַבזיק האָט אויך אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אינמיטן, האָט בערל אויסגעשריען:

— אַ קאַפּאָרע, דער מעכוטן איז שוין דאָ.

און די מאַמע מאַלי האָט זיך אָנגערופן: האָסטו געזען, אומעטום איז ער דאָ. און ריפקעלע האָט זיך געבייזערט: לאַבזיק, ניט דיין געשעפט, גיי דיר אַוועק. און מוליק האָט אַ מאַך געטאָן: קוק דאָס נאָר אָן, דעם שרימפּ, אַלץ דאַרף ער וויסן.

נו, מוז שוין לאַבזיק אַוועקגיין אין זיין ווינקעלע און אויסציען די אויערלעך, עפּשער וועט ער עפּעס פאַרשטיין.

בערל האָט אַזוי דערציילט: און איצטער מיין וויב מאַלי, און מיין זון מוליק, און מיין טאָכטער ריפקע, מאָרגן פאָר איך קיין וואַשינג־טאָן. און ניט נאָר איך פאָר, נאָר עס פאָרן מיט מיר דריי טויזנט הונגעריקע אַרבעטער פון גאַנץ אַמעריקע.

— פון קאַליפאָרניע אויך? — טוט ריפקעלע אַ פרעג.

— פון קאַליפאָרניע אויך — בייזערט זיך בערל, — און שלאָג מיר ניט איבער. פון קאַליפאָרניע, פון פלאָרידע און פון מישיגען.

— וואָס־זשע עפּעס קיין וואַשינגטאָן? — פרעגט די מאַמע מאַלי.

— פאַרוואָס־זשע עפּעס קיין וואַשינגטאָן? — בייזערט זיך דער

טאַטע — ווייל אין וואַשינגטאָן וואוינט דער פּרעזידענט פון אַמעריקע. וועלן מיר קומען צו אים אַלע הונגעריקע אַרבעטער און מיר וועלן אים זאָגן: דו זעסט, מיסטער פּרעזידענט, מיר זייגען הונגעריק, און אונדזערע ווייבער זיינען הונגעריק, און אונדזערע קינדער אויך, און דו זאָגסט, אַז דו זאָרגסט זיך פאַר די מענטשן, זאָרג זשע פאַר אונדז אויך.

— נעם מיך אויך מיט — רופט זיך אָן די מאַמע מאַלי.

— און אונדז אויך — שרייען אויסביידע קינדער.

— אַט באַלד וועט איר זאָגן, אַז איך זאָל לאַבזיקן אויך מיטנעמען — צעשרייט זיך דער טאַטע — איך קען אייך ניט מיטנעמען, מען דאַרף אייך אויסקלייבן. מיך האָבן די הונגעריקע אַרבעטער פון דזשעקסאָן עוועניו אויסגעקליבן.

איז מען אַזוי געזעסן און מען האָט גערעדט נאָך, און נאָך, און לאַבזיק האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ: וואָס האָבן זיי געקענט מיינען?

ער האָט אַזש ניט געקענט איינשלאָפן, ווען אַלע זיינען שוין פון לאַנג געשלאָפן. ער האָט אַלץ געקלערט און געקלערט ביז די פענצטער זיינען ליכטיק געוואָרן, און אַז די פענצטער זיינען ליכטיק געוואָרן, זעט לאַבזיק, ווי די מאַמע גייט אַראָפּ פון בעט, נעמט אַ רענצעלע און לייגט אַהינצו אַריין אונטערוועש און אַ סוועטער, און נאָך זאַכן.

דערנאָכדעם זיינען שוין אַלע אויפגעשטאַנען פון די בעטן. די מאַמע מאַלי האָט אויפגעקאָכט קאַווע אָן מילך, ווייל פאַר מילך איז שוין ניט געווען קיין געלט. און מען האָט זיך געזעצט טרינקען די הייסע קאַווע. דערנאָכדעם האָט בערל זיך אויפגעהויבן, זיך געזעגנט מיטן ווייב, מיט די קינדער, און וויל זיך אויך געזעגענען מיט לאַבזיקן. אָבער ניטאָ לאַבזיק. זוכט מען אים אומעטום: אונטערן בעט און אָפן בעט, אין באָד־צימער, אין און אונטער דער שאַפע — לאַבזיק איז ניטאָ.

— נו, מיילע — מאַכט בערל דער אַפּרייטער — זיין שולד, וואָס איך האָב זיך ניט געזעגנט מיט אים.

און ער גיט אַ נעם דאָס רענצל און שרייט באַלד אויס בייז: וואָס האָסטו דאַרטן מיר אַריינגעלייגט? פאַרוואָס איז דאָס רענצל אַזוי שווער?

— עס ווייזט זיך דיר אויס — רופט זיך אָן די מאַמע מאַלי — וואָס

האָב איך דאָרט אַריינגעלייגט? דיין אונטערוועש, אַ סוועטער, צוויי העמדער און נאָך קליינינקייטן.

נו, הויבט שוין אויף בערל דאָס רענצעלע און מען לאָזט זיך אַלע גיין צום לעקסינגטאָן עוועניו עקספּרעס.

— זייט מיר געזונט — זאָגט בערל.

— פאָר געזונטערהייט — רופט זיך אָן די פאַמיליע. און בערל פאָרט טאַקע אַוועק.

II.

אַף יוניאָן סקווער זיינען שוין געשטאַנען הונדערט גרויסע טראָקס, און אַף יעדן טראָק איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע אויסיעס: „מיר פאָרן צום פּרעזידענט קיין וואַשינגטאָן, פאָדערן ברויט אָדער אַרבעט.“

פּאָליסלייט אַף פערד און צופוס מיט זייערע קלאָבס, האָבן אַרומ־גערינגלט דעם גאַנצן יוניאָן סקווער. ס׳איז נאָך געווען פינצטערלעך און קאַלט. בּאַ די טראָקס זיינען געשטאַנען אַרום דריי טויזנט הונ־געריקע אַרבעטער, פאַרשיידענע מענטשן, הויכע און נידעריקע, מענער און פרויען, שוואַרצע און ווייסע.

מוזיק האָט אויך געשפּילט. דאָס זיינען די אַרבעטער פון ניו־יאָרק געקומען מיט מוזיק אַרויסבאַגלייטן זייערע הונגעריקע כאַווײרים, וואָס זיינען געפאָרן קיין וואַשינגטאָן צום פּרעזידענט. די אַרבעטער פון ניו־יאָרק האָבן אויך געבראַכט פאַר זייערע הונגעריקע ברידער סענדוויטשעס מיט הייסער קאַווע.

די פּאָליסלייט זיינען געווען בייז. שטענדיק זיינען זיי בייז, ווען אַ סאַך אַרבעטער קומען זיך צונויף איינינעם. זיי וואָלטן זייער געוואָלט שלאָגן מיט די קלאָבס איבער די קעפּ און צעטרייבן די אַר־בעטער אין אַלע ווינקלעך. האָבן זיי אָבער מוירע געהאַט די פּאָליס־לייט, ווייל די מענטשן זיינען געווען אַף יוניאָן סקווער צען מאָל מערער פון זיי.

בערל איז געקומען אַף יוניאָן סקווער זייער אַ מידער, צוליב דעם רענצל. ס׳איז געווען זייער שווער דאָס צו טראָגן.

— אַ קאַפּאָרע — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין — וואָס האָט דאָרטן מיין ווייב מאָלי מיר אַריינגעלייגט, וואָס איז עס אַזוי שווער?

ער האָט אַריינגעלייגט דאָס רענצל אין אַ טראָק, און געגאַנגען

ווערן כּאָווער מיט די איבעריקע הונגעריקע אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען פון די ווייטע, ווייטע שטעט. ער איז צוגעגאַנגען צו זייער אַ הויכן אַרבעטער מיט אַ לאַנגער נאָז און געזאָגט:

— האַו דו יו דו. מיין נאָמען איז בערל, איך בין אַן אַפּרייטער פון די בראָנקס און פאָר קיין וואַשינגטאָן צום פּרעזידענט. ווי אַזוי איז דיין נאָמען?

— מיין נאָמען — האָט יענער אויסגעשטרעקט זיין האַנט — איז קינלי פון מאַסאַטשוסעטס און איך בין אַ פאַרמער.

דערנאָכדעם איז בערל צוגעגאַנגען צו אַ נעגער מיט גרויסע אויגן און געזאָגט:

— האַו דו יו דו. מיין נאָמען איז בערל דער אַפּרייטער פון די בראָנקס. ווי אַזוי איז דיין נאָמען?

— מיין נאָמען — האָט יענער געענטפערט מיט אַ שמייכל — איז טאָם לינקאָלן, און איך בין פון פּיטסבורג, פּענסילווייניע, און איך בין אַ מיינער.

אַזוי איז בערל געגאַנגען פון מאַן צו מאַן און געוואָרן מיט יעדן כּאַווער. דערווייל האָבן די פויקן אָנגעהויבן צו קלאַפּן זייער שטאַרק. אַלע זיינען געוואָרן שטיל, זייער שטיל. דער מאַן פאַסטער איז אַרויף אַפן טראָק, אויסגעשטרעקט אַ האַנט און געזאָגט, אַז ער וויל צו זיי עפּעס רעדן. אַז די אַרבעטער האָבן דערזען דעם מאַן פאַסטער זיינען זיי געוואָרן זייער פריילעך. ווייל אַ סאַך האָבן אים געקאַנט און אַנדערע וואָס האָבן אים ניט געקאַנט, האָבן געהערט פון אים. איבער גאַנץ אַמעריקע האָט מען געוואוסט ווער דער מאַן פאַסטער איז. די רייכע האָבן אים פיינט געהאַט, און שטענדיק אונטערגעשיקט פּאָליס-לייט מען זאָל אים שלאָגן. די אַרבעטער האָבן אים זייער ליב געהאַט, און שטענדיק ניט געלאָזט די פּאָליסלייט מען זאָל אים שלאָגן.

איצט איז אויך אַזוי געווען. ווען די פּאָליסלייט האָבן דערזען דעם מאַן פאַסטערן, האָבן זיי זיך אַלע אַ לאָז געטאָן מיט די פערד און מיט די קלאָבס און אים געוואָלט אַראָפּשלעפּן פון טראָק. האָבן די אַרבעטער זיך אַלע אָנגענומען באַ די הענט, געמאַכט ווי אַ רינג, און וויפיל די פּאָליסלייט האָבן זיך ניט געריסן צום טראָק האָט עס זיי ניט געהאָלפן. די אַרבעטער זיינען געשטאַנען שטאַרק ווי אייזן און געשריען:

— וואַגט ניט אָנצורירן אונזער כּאַווער פאַסטער, וואַגט ניט!

האָבן די פּאָליסלייט זיך שוין ניט געקענט העלפן, געשטאַנען

פונדערוווייטנס און געקריצט מיט די ציין. און דער מאַן פאַסטער האָט אַזוי געזאָגט:

— הערט זשע, כאַווײרים, אַרבעטער פון גאַנץ אַמעריקע. מיר האָבן ביז אַהער זייער שווער געאַרבעט פאַר די רייכע און פאַר זיי געמאַכט גרויסע שיינע הייזער, און גערטנער, און שיף, און קליידער, און אַ סאַך עסנוואַרגן און אַ סאַך געלט. איצטער איז ניטאָ קיין אַרבעט. אָבער די רייכע האָבן די גרויסע שטיבער און אַלע קליידער און דאָס גאַנצע געלט, פרעסן זיי און טרינקען, און דאָס איבעריקע, וואָס זיי ווילן ניט עסן, וואַרפן זיי אין די טייכן אַריין. און מיר, וואָס האָבן דאָס אַלץ געמאַכט, האָבן גאָרניט. זאָגן מיר איצט צום פּרעזידענט: איז אַזוי ווי דו ביסט דיר פּרעזידענט און דו זאָרגסט זיך פאַר אַלע מענטשן, זאָגסטו, נעם צו באַ די רייכע אַ טייל פון זייער געלט און גיב אונדז אויך, ווייל מיר און אונדזערע ווייבער און קינדער שטאַרבן פון הונגער.

— הור־ר־ר־אַ! — האָבן אַלע אַרבעטער אַף יוניאָן סקווער גע־שריען. און די מוזיק האָט געשפּילט און די טראָקס האָבן זיך גערירט איינער נאָכן אַנדערן און די הונגעריקע אַף די טראָקס האָבן געזונגען לידער. אַזוי האָבן אַלע טראָקס פאַרלאָזט ניו־יאָרק, און עס האָט זיך באַוויזן דער וויסער, לאַנגער, ברייטער וועג, וואָס האָט געפירט קיין וואַשינגטאָן דורך פיל, פיל שטעט. דורך נואַרק, דורך ניו־בראַנזוויק, דורך טרענטאָן, דורך פילאַדעלפיע, דורך באַלטימאָר, און דורך נאָך און נאָך שטעט.

אין יעדער שטאָט זיינען די דאָרטיקע אַרבעטער אַרויסגעגאַנגען מיט לידער און מיט מוזיק, מיט סענדוויטשעס און מיט קאַווע, און די הונגעריקע האָבן געגעסן און געטרונקען און זיינען געווען זייער פריילעך. און פריילעכער פאַר אַלעמען איז געווען בערל דער אַפּרייטער פון די בראָנקס. ער איז אַזש הייזעריק געוואָרן פון פריילעכקייט. ער האָט אַלעמאָל געשטורכעט טאָם לינקאָלן פון ספּרינגפילד און געזאָגט:

— אַ קאַפּאָרע, דו זעסט, וואָס פאַר אַ גוטע כאַווײרים מיר האָבן אין יעדער שטאָט! מען גיט אונדז קאַווע און סענדוויטשעס.

רופט זיך אָן דער נעגער:

— אַ קאַפּאָרע, וואָט איז דעט?

האָט בערל ניט געקענט דערקלערן, וואָס עס מיינט אַ קאַפּאָרע, און ער האָט געזאָגט:

— אָ, אַ קאַפּאָרע איז נאַטינג, באַט די סענדוויטשעס און קאָפּע.

— אָ, — מאַכט דער נעגער — סענדוויטשעס און קאָפּע, דעטס רייט, דעטס רייט.

אָבער וועגן לאַביזיקן האָבן מיר גאָר פאַרגעסן. בערל דער אָפּ־רייטער האָט אויך פאַרגעסן. אַזוי פריילעך איז ער געווען פון דער רייזע. אָבער הינטער פילאַדעלפיע האָט ער זיך דערמאָנט און ער האָט געטראַכט:

— וואוהין איז טאַקע אַהינגעקומען לאַביזיק, ווען איך האָב פאַר־לאָזט דאָס הויז אין די בראָנקס? אַ קאַפּאָרע, ער וועט זיך מיסטאָמע אָפּזוכן. אַז ער האָט זיך שוין דערמאָנט אין לאַביזיקן, האָט ער זיך אויך דערמאָנט אין זיין ווייב מאַלין, און ווידער אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין:

— אַ קאַפּאָרע, לאָמיך נאָר עפענען דאָס רענצעלע און אַ קוק טאָן, וואָס זי האָט מיר דאָרטן אַריינגעלייגט.

עפנט ער דאָס רענצעלע אַזוי פּאַוואָליע, פּאַוואָליע. ער גיט אַ קוק: אַהאַ, ווער זאָל דאָרטן זיין אינעווייניק? אַוואַדע ניט קיין אַנדערער ווי לאַביזיק.

ער איז זיך געלעגן אַ פאַרכאַלעשטער, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין לופט. אָבער אַבי מען האָט אויפגעעפנט דאָס רענצעלע, איז ער טייקעף אַרויסגעשפּרונגען, זיך אויסגעגלייכט די ביינער און אָנגעהויבן פריילעך צו האַווקען.

נו, דאַרף איך אייך שוין ניט דערציילן, ווי בייז בערל איז געווען אַף אים, און ווי ער האָט אים געשאָלטן, און איך דאַרף אייך ניט דערציילן, ווי אַלע מענטשן אין טראָק האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, ווען זיי האָבן געזען ווי אַ הינטעלע איז אַרויסגעשפּרונגען פון רענצל. זיי האָבן געלאַכט: כאַ, כאַ, כאַ! און כאַ, כאַ, כאַ! און נאָכאַמאָל: כאַ, כאַ, כאַ!

III.

ס'איז פאַרנאַכט. די זון זעצט זיך שוין, עס איז קאַלט, עס בלאָזט אַ פראָסטיקער ווינט. די הונדערט טראָקס פאָרן און פאָרן איבערן לאַנגן ברייטן ווייסן וועג, איינער נאָכן אַנדערן, איינער נאָכן אַנדערן. טאָם לינקאָלן האָט זיך צוגעקילט און אָנגעהויבן הוסטן. דער קאָפּ איז אים געווען זייער היים. ער איז געלעגן צוגעדעקט מיט עטלעכע מאַנטלען, אָבער עס איז אים וואַרעמער פון דעם ניט געוואָרן. ער האָט געציטערט און געמאַכט:

— אוי, אוי, אוי.

בערל דער אַפּריטער איז געזעסן לעבן אים און אים געטרייסט. און לאַבזיק האָט טאָמען געלעקט דאָס פּאָנעם. בערל האָט אַזוי געזאָגט:

— קרעכץ ניט, כאַווער טאָם. מיר זיינען שוין צוויי מייל פון וואַשינגטאָן. דאָרטן וואַרטן שוין אונדזערע כאַווירים, די אַרבעטער, מיט רויטע פאָנען און מיט מוזיק. מיט סענדוויטשעס און מיט הייסער קאַפע. מען וועט דיר אַריינגעמען אין אַ וואַרעם הויז מיט אַ ווייס בעט. מען וועט ברענגען אַ דאָקטער, וועסטו געזונט ווערן. — אָבער טאָם קרעכצט און מאַכט נאָך אַלץ:

— אוי, אוי.

בערל איז געווען גערעכט. די אַרבעטער אין וואַשינגטאָן האָבן טאַקע געוואַרט אַפן עק פון דער שטאָט מיט רויטע פאָנען, מיט מוזיק, מיט סענדוויטשעס און מיט קאַפע, און אַרויסגעקוקט אַף די הונגעריקע. אָבער די רייכע פון וואַשינגטאָן האָבן געהייסן דעם פּרעזידענט שיקן פּאָליציי, מען זאָל ניט אַריינלאָזן די טראָקס אין שטאָט אַריין.

איז בּאַ אַ צוויי מייל פון וואַשינגטאָן זיינען שוין געשטאַנען פיל פּאָליסלייט אַף פערד און אַף מאָטאָר-ציקלעטן, מיט ביקסן און מיט באָמבעס, און אַזוי ווי די הונגעריקע זיינען אָנגעקומען, האָבן זיי מיט-

אַמאָל אַרומגערינגלט אַלע טראַקס, און זיי פּאַרפּירט ניט קיין וואַשינג־טאָן, נאָר העט, ווייט אין אַ קאַלט פעלד לעבן אַ וואַלד.

און דאָ ווערט שוין נאַכט. אַ שטאַרקער ווינט בלאָזט. הונגעריקע, דערפרוירענע קריכן אַלע מענטשן אַרויס פון די טראַקס, קוקן זיך אום: פּוסט און וויסט, קיין איין הויז איז ניטאָ. און טאָם האָט שוין אָנגעהויבן הוסטן מיט אַ כריפּ.

צווישן די מענטשן זיינען געווען הויכע שטאַרקע פּאַרמער, הויכע שטאַרקע מיינער, הויכע שטאַרקע וואַלד־אַרבעטער, און זיי האָבן גאָר־ניט געוואָלט ליידן, וואָס מען האָט זיי אַרעסטירט אין דער פינצטער אַף אַ קאַלט פעלד. און דאָ איז נאָך טאָם קראַנק, און ער דאַרף גאָר האָבן אַ וואַרעם הויז, מיט אַ ווייס בעט און מיט אַ דאָקטער. האָבן זיי געכאַפּט שטיינער און שטעקנס און געלאָזט זיך אַף דער פּאָליציי. די פּאָליציי איז אָבער געשטאַנען פון דערווייטנס מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן און מיט באָמבעס און געשריען:

— יאָ, קומט נעענטער, קומט, וועט זיין אַז ווי צו אייך.

איז געווען צווישן די הונגעריקע זייער אַ קלוגער מאַן, קאַרל האָט ער געהייסן. האָט קאַרל אַ געשריי געטאָן צו די הונגעריקע אַרבעטער:

— שטייט, וואָס טוט איר, זיי וועלן שיסן אַף אונדז, און אַ סאַך פון אונדז וועלן פאַלן טויט. זיי האָבן ביקסן, מיר האָבן בלויז שטיינער מיט שטעקנס.

די מענטשן האָבן דעם קאַרל זייער ליב געהאַט, האָבן זיי אים געפאָלגט און אַוועקגעוואָרפן די שטיינער און די שטעקנס.

האָט קאַרל ווידער זיך אָפּגערופן:

— וואָס מיר דאַרפן איצטער טראַכטן, איז ווי אַזוי וואָלטן מיר געלאָזט וויסן אונדזערע פריינט אין וואַשינגטאָן, אַז מיר געפינען זיך דאָ.

רופט זיך אָן בערל דער אַפּרייטער:

— איך האָב אַן אייצע.

— אַן אייצע? — כאַפּט זיך אָן קאַרל — וואָס איז דיין אייצע?

איז בערל אַוועק מיט קאַרלען ווייט, ווייט אין פעלד, קעדיי די פּאָליסלייט זאָלן ניט הערן, און דער אַפּרייטער האָט אַזוי געזאָגט:

— איך האָב זייער אַ קלוג הינטל, לאַבזיק הייסט ער.

— וואָס־זשע קומט אונדז אַרויס, אַז דו האָסט זייער אַ קלוג הינטל, וואָס הייסט לאַבזיק? — מאַכט קאַרל.

— כאַפּ זשע ניט — בייזערט זיך בערל אַף דעם מאַן קאַרלען, ווי ער וואָלט זיך געבייזערט אַף זיין ווייב מאַלין — כאַפּ זשע ניט. איז אַזוי ווי איך האָב זייער אַ קלוג הינטל, לאַבזיק הייסט ער, קען מען לאַבזיקן שיקן מיט אַ בריוו צו די וואַשינגטאָנער כאַווײרים און זיי לאָזן וויסן אַז מיר געפינען זיך אין אַ צאָרע.

— יאָ — איז קאַרל ניט צופרידן — ווי אַזוי וועט דיין קלוג הינטעלע דערקענען די וואַשינגטאָנער כאַווײרים? אין וואַשינגטאָן זיינען פאַראַן פיל אַנדערע מענטשן.

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט ניט כאַפּן — ווערט שוין בערל קימאַט בייז — ווי אַזוי ער וועט דערקענען? לאָז דאָס צו מיר.

— אָלרייט — מאַכט קאַרל — איך לאָז דאָס צו דיר.

נעמט בערל אַ רויטע פאָן, רופט אַוועק לאַבזיקן אין אַ זייט, רעדט מיט אים, בייזערט זיך אַף אים, צייגט אים מיט דער האַנט אין דער וויט, ווייזט אים אַלע מינוט די רויטע פאָן, הייסט אַנטלויפן און קומען צוריק, טיינעט מיט אים איין, און לאַבזיק מיט די קלוגע אייגעלעך פאַרשטייט ניט אין אָנפאַנג, וואָס מען וויל פון אים. אָבער אין אַ ווײלע אָרום הויבט ער אָן צו פאַרשטיין. שרייבט קאַרל אָן אַ בריוו. לאַבזיק כאַפּט דאָס אָן מיט די ציינדלעך, פאַרייסט דאָס וויידעלע און גיט זיך אַ צעלויף און אַ צעיאָג, דורך די פּיס פון די פּאָליסלייט, און ווערט פאַרשוואונדן אין דער פינצטערער נאַכט.

IV.

אָרום און אָרום וועלדער און פעלדער און פוסט און וויסט. אַ קאַלטער ווינט יאָגט אים נאָך און ער לויפט און יאָגט, קען שוין אַזש ניט אָטעמען. אָבער אָרום איז נאָך אַלץ פינצטערניש און נאַכט, און ווייטער גאָרניט.

לויפט ער אַרויף אַף אַ בערגל און ער גיט אַ קוק און עס באַווייזט זיך גאַנץ וואַשינגטאָן מיט טויזנטער ליכט. לאָזט זיך לאַבזיק לויפן אַהין, וואו עס שיינען די טויזנטער ליכט פון דער שטאָט. לויפט ער און יאָגט ביז ער קומט צו די ערשטע גאַסן פון דער שטאָט, ווערט אים זייער שלעכט, ווייל די גאַסן זיינען ליידיק און קיין רויטע פאָן זעט מען אין ערגעץ ניט.

לאָזט ער זיך ווייטער, לויפט און יאָגט, ביז ער קומט אָן אַף אַ גאַס פול מיט אָטאָמאָבילן, וואָס פאָרן אַהין און אַהער. רייכע מענטשן שפּאַצירן לעבן די ליכטיקע קראָמען. איז אים ווידער שלעכט: דאָרטן איז אויך ניטאָ קיין רויטע פאָן.

דערווייל לעבן אַריינגאַנג פון שטאָט שטייען נאָך אַלץ די אַר־בעטער פון וואַשינגטאָן און וואַרטן אַף די טראָקס. זייער מוזיק שפּילט ניט, די רויטע פאָן איז אָנגעבויגן, ווייל דער אַרבעטער וואָס האָט זי געהאַלטן די גאַנצע צייט אַזוי שטאָלץ, איז שוין מיד געוואָרן זי צו האַלטן. די קאָפּע איז שוין קאַלט געוואָרן, די סענדוויטשעס זיינען געוואָרן האַרט. אַלע זיינען טרויעריק. זיי ווייסן ניט, וואוהין עס

זיינען אַהינגעקומען זייערע הונגעריקע כאַווײרים מיט די טראָקס. עפּשער האָט זיי די פּאָליציי אַלעמען שלעכטס געטאָן אַפן וועג, און זיי ליגן איצט טויטע און פאַרבלוטיקטע? מען האָט צעשיקט מענטשן אין אַלע זייטן, עפּשער וועט מען געפינען אַ סימען פון זיי. זיינען די מענטשן אַוועק, געזוכט און גענישטערט און געקומען מיט גאָרניט.

אַזוי ווי זיי שטייען אַזוי און ווייסן ניט וואָס צו טאָן, אַזוי פּלוצלונג לויפט אָן עפּעס אַ פרעמד הינטעלע מיט אַ בריוול צווישן די ציין. לויפט מען צו אים צו, און מען וויל אַרויסרייסן דאָס בריוול פון דעם הינטעלעס ציין, לאָזט זיך דאָס ניט, אַנטלויפט, ווייל לאַבזיק וועט ניט געבן דאָס בריוועלע אַבי וועמען. ער זוכט מיט זיינע קלוגע אייגעלעך די רויטע פאָן. און אַז ער האָט דערזען די רויטע פאָן איז ער צוגעלאָפן, און אַרויסגעוואָרפן דאָס בריוועלע לעבן דער רויטער פאָן.

נו, און דאָ דערווייל ווערט די נאַכט נאָך שפּעטער, דער ווינט נאָך שטאַרקער. טאָם לינקאָלן ליגט אין טראָק, הוסט און כריפּעט.

די מענטשן שפּרינגען אונטער און קלאַפּן מיט די הענט אָף צו דער־וואַרעמען זיך. בערל דער אַפּרייטער זאָרגט זיך שוין:

— אַ קאַפּאָרע — מאַכט ער — עס איז שוין אַזוי שפּעט, עפּשער איז ער גאָר שוין פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, און עפּשער האָט ער גאָר־ניט געקענט געפינען די רויטע פאָן און ער דרייט זיך אַרום איבער די וואַשינגטאָנער גאַסן. אָבער פּלוצלונג, ווען אַלץ איז אַזוי שטיל און אַזוי אומעטיק אַרום און אַרום, דערהערט זיך אין מיטן דער שטילקייט, און אין מיטן דער אומעטיקייט, אַ געזאַנג:

—„שטייט אויף איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן."

באַ די הונגעריקע מענטשן ציטערן די הערצער פון פרייד. באַ די פּאַליסלייט ציטערן די הערצער פון קאַעס. און טאַם, טאַם, טאַם — קלאַפּט די פּויק. און פיל מענטשן קומען אָן מיט אַ רויטער פאָן. און:

— הוררררראַ!

ווערט שוין פאַרטאָג, דער ווינט ווערט שוואַכער און שוואַכער און הערט אינגאַנצן אויף. די זון גייט אַרויס צוביסלעך, צוביסלעך, ביז זי צעשיינט זיך אינגאַנצן. די פּאַליסלייט זיינען שוין מיד צו האַלטן זייערע ביקסן אויסגעשטרעקט, אָבער זיי האַלטן נאָך. די וואַשינגטאָנער אַרבעטער טרעטן ניט אָפּ. זיי שרייען:

— לאָזט אַרויס אונדזערע כאַווירים, לאָזט זיי גיין צום פּרעזידענט.

די פּאַליסלייט האָבן שוין געמוזט דורכלאָזן די קאָפּע מיט די סענדוויטשעס, זיי האָבן אויך געמוזט דורכלאָזן אַ דאָקטער צו טאַם לינקאָלן. אָבער די איבעריקע מענטשן האָבן זיי ניט געוואָלט אַרויס־לאָזן. ווערן ניט מיד צו שרייען די וואַשינגטאָנער אַרבעטער:

— לאָזט זיי אַרויס, לאָזט זיי אַרויס.

און דאָ קומען אָן פון שטאָט נאָך און נאָך אַרבעטער. און די פּאַליסלייט מוזן שוין אַראָפּלאָזן די ביקסן, מוזן אַוועקגיין אין אַ זייט, ווייל זיי האָבן מוירע פאַר אַזויפיל אַרבעטער, וואָס קומען אָן פון וואַשינגטאָן נאָך און נאָך אין די טויזנטער.

איז ווידער געוואָרן אַ גרויסער הוראַ, און מען האָט זיך אָנגעהויבן לאָזן אָף וואַשינגטאָן צום פּרעזידענט. צו פיר אין אַ ריי האָט מען זיך אויפגעשטעלט. די מוזיק איז געגאַנגען פאָרויס און פריילעך גע־שפּילט. די זון האָט זיך נאָך וואַרעמער צעשיינט. און אַרבעטער פון וואַשינגטאָן קומען און קומען אין די טויזנטער.

ווערט שטאָלץ באַ זיך בערל דער אַפּרייטער, און צוליב דעם,

וואָס ער האָט אַזאַ קלוג הינטעלע, לאָזט מען אים גיין פאָרויס. פילט זיך לאַבזיק זייער גרויס, וואָס ער גייט פאָרויס און ער דרייט דאָס קעפּל אַהין און צוריק און וויל כאַפּן אַ קוק צי מענטשן זעען, ווי גרויס ער איז.

מען קומט אָן אויף וואַשינגטאָנער גאַסן. און דאָרטן אויף די טראָטואַרן שטייען נאָך מער אַרבעטער און שרייען:

— הורררראַ!

מיינט לאַבזיק, אַז דאָס שרייען די מענטשן הוראַ צוליב אים, נעמט ער זיך נאָך מער איבער און גיט אַ שפּרונג אין דער לופטן. זאָגט אים בערל:

— ביסט אַ נאַרישער לאַבזיק. ס'פּאַסט דיר איצט ניט צו שפּרינגען אין דער לופטן, ווייל דו ביסט אַ העלד. פאַרשטייט ניט לאַבזיק וואָס עס מיינט דאָס וואָרט „העלד“, און ער מאַכט שטיק און כיינדלעך אָן אַ שיר.

און אַזוי קומען זיי אָן צום ווייסן הויז, וואו דער פּרעזידענט וואוינט. אָבער דאָרטן שטייען אַזויפיל פּאָליסלייט און אַזויפיל סאָלדאַטן מיט מאַשין־ביקסן און מיט באָמבעס און מען לאָזט קיינעם ניט צו.

— מיר ווילן זען דעם פּרעזידענט, מיר ווילן זען דעם פּרעזידענט — שרייען אַלע אַרבעטער.

ענטפערט זיי קיינער ניט. די פּאָליסלייט מיט די סאָלדאַטן שווייגן און שטעלן אָן די ביקסן און גרייטן זיך צום שיסן.

— מיר ווילן זען דעם פּרעזידענט, מיר ווילן זען דעם פּרעזידענט — צעשרייען זיך נאָך העכער די אַרבעטער, אַז די פענצטער פון ווייסן הויז הויבן אַזש אָן צו קלינגען. גייט אַרויס ניט דער פּרעזידענט, נאָר זיינער אַ סעקרעטאַר, אויך אַ רייכער מאַן, און זאָגט, אַז דער פּרעזי־דענט איז פאַרנומען איצט, און קען זיי ניט זען.

ווערן די אַרבעטער שרעקלעך אין קאַעס: אַזוי, דער פּרעזידענט וויל זיי ניט זען! זיי האָבן אים אַליין אויסגעקליבן פאַר פּרעזידענט, און איצטער ווילן זיי אים ניט זען. הויבן זיי זיך אָן צו שטופּן צום ווייסן הויז, און די פּאָליסלייט ווילן שוין שיסן. און ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט נאָך געטראָפן, ווען ניט קאַרל. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און געזאָגט:

— מיר דאַרפן ניט אָנהייבן מיט זיי איצט, זיי האָבן מאַשין־ביקסן און באָמבעס, און מיר האָבן גאָרניט. דער פּרעזידענט איז פאַרנומען און קען ניט זען די הונגעריקע אַרבעטער. אָבער פאַר די רייכע איז ער ניט פאַרנומען. דער פּרעזידענט וויל אונדז פּאַשעט ניט העלפן, ווייל ער איז בלויז אַ פריינט פון די רייכע. לאָז זיך יעדער איינער אומקערן אין דער שטאָט פונוואַנען ער איז געקומען און דער־ציילן יעדן איינעם, אַז אַ רעגירונג פון רייכע איז ניט גוט פאַר די אַרבעטער פון אַמעריקע.

— גערעכט, גערעכט, — האָבן אַלע אַרבעטער געשריען — גע־רעכט, גערעכט.

האָבן זיך די הונגעריקע געזעצט אין די טראָקס, די מוזיק האָט געשפּילט, רויטע פאָנען האָבן געפלאַטערט און מען איז געפאָרן צוריק. מען איז געפאָרן צוריק צו דערציילן די אַרבעטער פון יעדער שטאָט, אַז אַף אַ פּרעזידענט מיט אַ רעגירונג פון רייכע טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן.

נו, זיינען אַלע הונגעריקע זיך צעפאָרן אין די שטעט, פונוואַנען זיי זיינען געקומען. בערל מיט לאַבזיקן זיינען געקומען צוריק צו די בראָנקס. אַלע האָבן זיך זייער דערפרייט איבער זיי. בערל האָט דער־ציילט אַלצדינג, וואָס עס איז פאָרגעקומען. און לאַבזיק האָט אויך געהאַט אַ סאַך צו דערציילן, אָבער אַז ער קען ניט רעדן די מענטשלעכע שפּראַך, האָט ער בלויז געהאַוועקעט, געשפּרונגען אין דער לופטן, גע־

מאַכט פאַרשיידענע קונצעלעך און כיינדלעך און אַלע האָבן געלאַכט און געלאַכט.

* * *

דאָ ענדיקן זיך דערווייל די מייסעלעך וועגן קלוגן הינטעלע לאַבזיק. אָבער מיר וועלן זיך נאָך שפּעטער ווידער זען מיט לאַבזיקן.

פאַרלאַג אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

שול-ביכער:

אַרבעטער שול — פאַרן ערשטן יאָר

צוזאַמענגעשטעלט פון א. מייזל און ב. פריד-מאַן. 160 זייטן, געבונדן. פרייז 60 סענט. פאַר שולן 30 סענט.

אַרבעטער שול

פאַרן צווייטן יאָר, צוזאַמענגעשטעלט פון א. מייזל און ב. פרידמאַן; 160 זייטן, געבונדן. פרייז 70 סענט, פאַר שולן 35 סענט.

אַרבעטער שול — פאַרן דריטן יאָר

צוזאַמענגעשטעלט פון ב. פרידמאַן. 192 זייטן, געבונדן. פרייז 80 סענט, פאַר שולן 40 סענט.

אַרבעטער שול — פאַרן פערטן יאָר

צוזאַמענגעשטעלט פון נ. קאַמענעצקי און מ. שיפּרים. 208 זייטן, געבונדן. פרייז $1.00, פאַר שולן 50 סענט.

שטאָט

פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 25 סענט, פאַר אונדזערע שולן 15 סענט.

אונדזער שול

פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 25 סענט, פאַר אונדזערע שולן 15 סענט.

אַמעריקע

פאַרן 4טן לערניאָר (64 זייטן). פרייז 25 סענט. פאַר אונדזערע שולן 15 סענט.

ערשטער מיי

פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 10 סענט, פאַר אונדזערע שולן 5 סענט.

צום נייעם לעבן

פאַרן דריטן לערניאָר (96 זייטן). פרייז 35 סענט, פאַר שולן 15 סענט.

7טער נאָוועמבער

פאַרן פערטן לערניאָר (96 זייטן). פרייז 35 סענט, פאַר אונדזערע שולן 15 סענט.

אַרבעט און קאַמף

פאַרן דריטן און פערטן לערניאָר. פרייז 40 סענט, פאַר אונדזערע שולן 15 סענט.

שיינע ליטעראַטור:

„מיט געזאַנג צום קאַמף“

(לידער מיט נאָטן) צוזאַמענגעשטעלט און באַאַרבעט פון יעקב שייפער. פרייז $1.00. פאַר מיטגלידער פון א. אַ. אָ. און פּ. ג. פּ. 45 סענט.

רעוואָלוציאָנערער דעקלאַמאַטאָר

צוזאַמענגעשטעלט פון קלמן מרמר און וויליאַם אייבראַמס. 336 זייטן. פרייז $1.25. פאַר אָרדן-מיטגלידער 75 סענט.

קינדער-מייסעלעך

כאַוועער לענין האָט געזאָגט. דער פאַבריק-קוימען סטרייקט. דער ערשטער גענעראַל. בירא-בידזשאַן, מאָטעלע פון דאָרף איקאָר. די מילכאָמע אין ניו יאָרק — פון שלמה דאַווידמאַן. זומער אין קינדערלאַנד. מיר פאָרן אין אַרטעף טעאַטער — פון א. לייב.

פאַר וועמען האָט היימים טאַטע געשטימט

פון מ. שיפּרים. פרייז 2 פאַר 5 סענט.

די קינדער פון טשערי סטריט

פון כאַוועער פאַוועער. פרייז 3 סענט.

וואו איז דיין טאַטע אין אַזאַ שפּעטער שאָ?

פון כאַוועער פאַוועער. פרייז 2 סענט.

לענין ווייזט דעם וועג

פון מ. שיפּרים. פרייז 3 סענט.

די רעוואָלוציע וועט קומען

פון מ. שיפּרים. פרייז 3 סענט.

מאַרים ווינטשעווסקי

אַ לייענביכל. פרייז 2 פאַר 5 סענט.

פון יענער זייט טייך

(אַ מייסע) פון כאַוועער פאַוועער. פרייז 75 ס., פאַר שולן 40 סענט.

„ניו יאָרק“

אַרבעט-פּראָיעקט, אַרויסגעגעבן פון מיטל-שול גראַדואיר-קלאַס פון 1930. פרייז 1 דאָלאַר. פאַר שולן 50 סענט.

„קינדערלאַנד“

(זשורנאַל). 10 סענט אַ נומער. פאַר שולן 5 סענט.

INTERNATIONAL WORKERS ORDER, Inc.

80 Fifth Avenue — New York, N. Y.